בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוָן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה און
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

פַּרְשַׁת בְּהַעֲלֹתְךָ (בּאר"י שְׁלַח)

258

תשפ"ב

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

## היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**718.384.1652**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב הבעל שם טוב 7**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

מֶעג אִיךְ אַרָאפְּנֶעמֶען מַיינֶע וַוייסֶע הָאר?..........א

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אָנְקוּמֶען צוּ לֶערְנֶען אַזוֹי סַאךְ שִׁיעוּרִים?..........ב

זָאל אִיךְ קוּמֶען אִין דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ יְשִׁיבָה, צוּ בַּאקוּמֶען מַיין שִׁידוּךְ?..........ה

אִיז דָא אַן עֵצָה גְרִינְגֶער אַיינְצוּשְׁלָאפְן?..........ח

מֶעג מֶען בְּרֶענְגֶען אַ הוּנְטְל אִין שׁוּל?..........ט

אִיז דָא אַ מְמַלֵא מָקוֹם וָואס הָאט אִיבֶּערְגֶענוּמֶען מוֹהֲרָא"שׁ זי"ע?..........יא

מִיט תְּפִלָה הָאבּ אִיךְ בַּאוִויזְן זִיךְ אָפְּצוּשֶׁערְן דִי הָאר..........טו

וִוי אַזוֹי שְׁטַארְק אִיךְ זִיךְ נָאכְאַמָאל חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן?..........יח

וָואס טוּ אִיךְ מִיט מַיין קְלֵיין קִינְד וָואס פִּירְט זִיךְ נִישְׁט אֵיידְל..........יט

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

מַזָל טוֹב פַאר דַיין בַּר מִצְוָה אוּן מַזָל טוֹב פַאר דַיין סִיוּם הַשַ"ס..........א

דוּרְךְ מְקַבֵּל דִי בִּזְיוֹנוֹת בְּאַהֲבָה קוּמְט מֶען אָפּ אַלֶע עֲבֵירוֹת..........א

דְרוּקְן דֶעם פֵּירוּשׁ אוֹיפְ'ן זוֹהַר אִין אַ בַּאזוּנְדֶערְע קוּנְטְרֵס..........ג

גֶעבְּן גֶענוּג צַייט פָארְאוֹיס צוּ קֶענֶען אָנְגְרֵייטְן..........ד

גֵיין אָנְגֶעטוּן אַזוֹי וִוי עֶס פַּאסְט..........ד

הַלְוָואי זָאלְן מִיר הָאבְּן נָאךְ אַזֶעלְכֶע אִינְגֶעלַייט וִוי דִיר..........ה

אִיר וֶועט הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ, קִינְדֶער אוּן קִינְדְ'ס קִינְדֶער..........ו

מִשְׁנַיוֹת וֶועט דִיר אוֹיסְלֵייזְן פוּן דַיין גָלוּת..........ז

אַ שְׁוועֶרע נִסָיוֹן זִיךְ צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן, אָבֶער עֶס לוֹינְט זִיךְ ..................................... ז
נָאךְ אַבִּיסְל זֶענֶען מִיר דִי זֵיידֶעס אוּן בַּאבֶּעס פוּן וֶועמֶען מֶען וֶועט לַיידְן אוּן שְׁוַוייגְן.......... ח
חִיזוּק אוּן עֵצוֹת פַאר אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע............................................................ ט
מִיט תְּפִלָּה וֶועט אִיר וַוייטֶער אָנְקוּמֶען זֵייעֶר שֵׁיין ........................................ יא
יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר'ן צוּשְׁטֶעלְן אֵשֶ"ל פַאר דִי גֶעסְט אִין שְׁטֶעטְל אוֹיף שָׁבוּעוֹת. ................. יא
דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַייךְ לִיבּ, עֶר אִיז נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף אַייךְ.............................. יב
אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גֶעפִיל אִין שְׁטוּב, אִיז דָאס דִי אֵייגֶענֶע פְּרָאבְּלֶעם .................. יג
יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְ'ן פַארְדִינְגֶען אַייעֶר פְּלַאץ פַארְ'ן בֵּית הַמֶדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בָּארָא פַּארְק.......... טז
שְׁטַר הַלְוָאָה.................................................................................. יז
מְקָרֵב זַיין אִידְן מוּז אוֹיךְ זַיין נָאר עַל פִּי תּוֹרָה................................................ יז
נִישְׁט מַאכְן פְּרִי שַׁבָּת ........................................................................ יח
הַנְהָגוֹת פַאר אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע וָואס וַוארְט אוֹיף אַ שִׂמְחָה......................................... יט
שְׁטַארְק דִיךְ וַוייטֶער ........................................................................... כא
נֶעם אַ טֵייל אִינֶעם יֶערְלִיכְן קָאמְפֵּיין ....................................................... כא

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

**מֶעג אִיךְ אַרָאפְּנֶעמֶען מַיינֶע וַוייסֶע הָאר?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין הָאר הוֹיבְּט אָן וַוייס צוּ וֶוערְן, עֶס שְׁטֶערְט מִיר אוּן אוֹיךְ פַּאר מַיין וַוייבּ, עֶס מַאכְט מִיר שְׁפִּירְן אַז אִיךְ וֶוער שׁוֹין אַלְט; מֶעג אִיךְ נוּצְן אַ זֵייף אָדֶער אַ פַּארְבּ וָואס נֶעמְט אַרָאפּ דִי וַוייסֶע הָאר?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא, ח׳ סִיוָן, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַ מַאן טָאר זִיךְ נִישְׁט פַּארְבְּן דִי וַוייסֶע הָאר אוֹיסְצוּזֶען יוּנְגֶער.

דִי וַוייסֶע הָאר וֶועט דִיר דֶערְמַאנֶען אַז נָאךְ אַבִּיסְל וֶועלְן מִיר אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי וֶועלְט, דָארְט אִיז נָאר אִינְטֶערֶעסַאנְט דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט אַרַיינְגֶעכַאפְּט בְּזֶה הָעוֹלָם, דָארְט אִיז אִינְטֶערֶעסַאנְט פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן כג): ״בָּעוֹלָם הַבָּא מְנַחִין כַּמָּה בְּנֵי אָדָם בַּחוּץ וְהֵם צוֹעֲקִים בְּקוֹל מַר״, אוֹיבְן אִין הִימְל זֶענֶען דָא נְשָׁמוֹת וָואס שְׁרַייעֶן מִיט אַ בִּיטֶערֶע קוֹל: ״תְּנוּ לָנוּ מַה לֶאֱכֹל״, גֶעבְּט אוּנְז עֶסְן מִיר זֶענֶען הוּנְגֶערִיג, גֶעבְּט אוּנְז טְרִינְקֶען מִיר זֶענֶען דוּרְשְׁטִיג, ״וּבָאִין אֶצְלָם וְאוֹמְרִים לָהֶם: ׳הֲרֵי לָכֶם אֲכִילָה וּשְׁתִיָּה אִכְלוּ וּשְׁתוּ׳״, מֶען בְּרֶענְגְט

זַיי עֶסְן אוּן מֶען זָאגְט זֵיי דָא הָאט אִיר פֵיינֶע עֶסְן, מֶען בְּרֶענְגְט זֵיי טְרִינְקֶען אוּן מֶען זָאגְט זֵיי דָא הָאט אִיר פֵּיינֶע טְרִינְקֶען, "וְהֵם מְשִׁיבִים 'לֹא לֹא, אֵין אָנוּ צְרִיכִים אֲכִילָה זֹאת, רַק אָנוּ צְרִיכִים אֲכִילָה וּשְׁתִיָּה שֶׁל תּוֹרָה וַעֲבוֹדָה'", דִי נְשָׁמוֹת שְׁרֵייעֶן נֵיין, נֵיין, נִישְׁט דָאס מֵיינֶען מִיר, נִישְׁט דִי עֶסְן, מִיר דַארְפְן עֶסְן פוּן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶנֶען, "וְכֵן מֻנָּחִים כַּמָּה בְּנֵי אָדָם עֲרֻמִּים בַּחוּץ וְהֵם צוֹעֲקִים גַּם כֵּן מְאֹד", נָאכְדֶעם זֶענֶען דָא נְשָׁמוֹת וָואס שְׁרֵייעֶן: "תְּנוּ לָנוּ כַּמֶּה לְהִתְכַּסּוֹת", בְּרֶענְגְט אוּנְז קְלֵיידֶער מִיר דַארְפְן זִיךְ צוּדֶעקֶן, "וּבָאִין אֶצְלָם וְאוֹמְרִים: 'הֲרֵי לָכֶם מַלְבּוּשִׁים'", מֶען בְּרֶענְגְט זֵיי קְלֵיידֶער, מֶען זָאגְט זֵיי דָא הָאט אִיר קְלֵיידֶער, "וְהֵם מְשִׁיבִים: 'לֹא, אֵין אֵלּוּ מַלְבּוּשִׁים נִצְרָכִים לָנוּ כְּלָל'", זָאגְן זֵיי נֵיין, נֵיין, נִישְׁט דִי סָארְט קְלֵיידֶער דַארְפְן מִיר: "רַק אָנוּ צְרִיכִים מִצְווֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים לְהִתְלַבֵּשׁ בָּהֶם", מִיר דַארְפְן קְלֵיידֶער פוּן מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים. דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: "אַשְׁרֵי מִי שֶׁזּוֹכֶה לֶאֱכֹל כַּמָּה פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת וְלִשְׁתּוֹת אַחַר כָּךְ אֵיזֶה קַפִּיטְלִיךְ תְּהִלִּים, וּלְהִתְלַבֵּשׁ בְּאֵיזֶה מִצְווֹת", ווארויל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶסְט יֶעדְן טָאג פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת, טְרִינְקְט קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים אוּן טוּט זִיךְ אָן מִיט מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ אָנְקוּמֶען צוּ לֶערְנֶען אַזוֹי סַאךְ שִׁיעוּרִים?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַייעֶרֶע הֶערְלִיכֶע דְרָשׁוֹת. אִיךְ בִּין זִיךְ מַמָּשׁ מְחַיֶּ' מִיטְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד, אוּן אִיךְ קוּם אָן זֵייעֶר אַסַאךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם.

ווֶען אִיךְ הָאבּ אָבֶּער גֶעזֶען דֶעם בְּרִיוו [דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו] וָואס אִיר שְׁרַייבְּט פַאר אֵיינֶעם אַז מוֹהֲרַ"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אָוועקְגֶעשְׁטֶעלְט פוּפְצֶן שִׁיעוּרִים צוּ לֶערְנֶען אִיז מִיר שְׁווַארְץ גֶעוָוארְן. אִיךְ לֶערְן יֶעדְן טָאג בָּרוּךְ הַשֵּׁם חוּמָשׁ,

מִשְׁנַיוֹת און גְמָרָא מִיט נָאךְ עֶטְלִיכֶע שִׁיעוּרִים, אָבֶער אִיךְ זֶע נִישְׁט קַיין שׁוּם וֶועג אִיךְ זָאל אָנְיָאגְן צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַזוֹי סַאךְ ווִי אִיר שְׁרַייבְּט. אִיז דָא אַ וֶועג בַּיי דֶעם אוֹיךְ צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ און צוּפְרִידְן מִיט דִי בִּיסְל וָואס מֶען הָאט? אָדֶער בַּיי לִימּוּד הַתּוֹרָה דַארְף מֶען זִיךְ אִיבֶּערְרַייסְן און קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין צוּפְרִידְן?

אַגַב הָאבּ אִיךְ בַּאמֶערְקְט אַז תְּהִלִּים אִיז נִישְׁט פוּן דִי שִׁיעוּרִים, פַארְוָואס?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נָשֹׂא, ט' סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט דֶערְצֵיילְט: "וֶוען אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט נֵייעֶ וֶוערְטֶער, וָואס דִי וֶוערְטֶער, דִי שֵׂכֶל - הָאט מִיר גֶעמַאכְט לֶערְנֶען זֵייעֶר פְלַייסִיג; אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי'ן 'מְעַט גַּם כֵּן טוֹב', אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט; דִי וֶוערְטֶער - דָאס הָאט מִיר גֶעמַאכְט אִיךְ זָאל לֶערְנֶען זֵייעֶר פְלַייסִיג".

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן אוּנְז (בַּמִּדְבָּר רַבָּה יב, ט) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (מִשְׁלֵי כז, יח): "נֹצֵר תְּאֵנָה יֹאכַל פִּרְיָהּ וְגוֹ'", דֶער וָואס הִיט דִי פַייגְנְבּוֹים - דֶער עֶסְט אִירֶע פְרוּכְט, "לָמָּה נִמְשְׁלָה תּוֹרָה כַּתְּאֵנָה", פַארְוָואס אִיז דִי תּוֹרָה צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ פַייגְן בּוֹים? "שֶׁרֹב הָאִילָנוֹת: הַזַּיִת, הַגֶּפֶן, הַתְּמָרָה, נִלְקָטִים כְּאֶחָת", וַוייל אַנְדֶערֶע בֵּיימֶער, דֶער אֵיילְבִּירְט בּוֹים, דֶער טְרוֹיבְּן בּוֹים און דִי טֵייטְלְבּוֹים - וֶוערְן אִירֶע פְרוּכְט גֶעצַייטִיגְט אִין אֵיין צַייט, מֶען קֶען זֵיי אַלֶע אַרָאפְּנֶעמֶען אוֹיף אֵיין מָאל, "וְהַתְּאֵנָה נִלְקֶטֶת מְעַט מְעַט", אַנְדֶערְשׁ אִיז דִי פַייגְנְבּוֹים, זִי וֶוערְט נִישְׁט גֶעצַייטִיגְט אִין אֵיין צַייט. "וְכָךְ הַתּוֹרָה", אַזוֹי אִיז דִי תּוֹרָה, מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל, "הַיּוֹם לוֹמֵד מְעַט וּלְמָחָר הַרְבֵּה, לְפִי שֶׁאֵינָהּ מִתְלַמֶּדֶת לֹא בְּשָׁנָה וְלֹא בִּשְׁתַּיִם", הַיינְט אַבִּיסְל, מָארְגְן אַבִּיסְל - בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה אָנְצוּקוּמֶען צוּ דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, "עָלָיו נֶאֱמַר, נֹצֵר תְּאֵנָה", מֶען קֶען נִישְׁט עֶנְדִיגְן דִי תּוֹרָה אִין אַ קוּרְצֶע צַייט.

דָאס הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט פוּן רֶבִּי'ן אַז אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט, אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט פוּן רֶבִּי'ן צוּ לֶערְנֶען אַבִּיסֶעלֶע מִיט אַבִּיסֶעלֶע, אַזוֹי אִיז מַיין גַאנְצֶע טָאג אָנְגֶעפִּילְט מִיט תּוֹרָה"; אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן, לֶערְן אַבִּיסֶעלֶע יֶעדְן טָאג - וֶועסְטוּ אָנְקוּמֶען צוּ לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

[דֶער בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוּיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע שְׁאֵלָה בַּאצִיט זִיךְ:

**וֶועלְכֶע פוּפְצְן שִׁיעוּרִים הָאט מוֹהֲרָא"שׁ אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט צוּ לֶערְנֶען?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אוֹיף אֵיינֶע פוּן דִי שְׁמוּעֶסְן ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט אַז מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט פוּפְצְן שִׁיעוּרִים צוּ לֶערְנֶען. אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען מִיר בִּיטֶע אוֹיסְרֶעכֶענֶען וֶועלְכֶע פוּפְצְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, כ"ו אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

1) חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְ'ן תַּרְגוּם פוּן דִי פַּרְשָׁה פוּן דִי וָואךְ

2) תַּנַ"ךְ

3) מִשְׁנָיוֹת

4) תַּלְמוּד בַּבְלִי

5) תַּלְמוּד יְרוּשַׁלְמִי

6) תּוֹסֶפְתָּא

7) מֶדְרָשׁ רַבָּה

8) מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא

9) רַמְבַּ״ם

10) טוּר

11) שֻׁלְחָן עָרוּךְ

12) זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ

13) תִּיקוּנֵי זוֹהַר

14) לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן

15) לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת

מוֹהֲרָא״ש זָאגְט דִי פוּפְצְן שִׁיעוּר אִיז אוּנְזֶער חוּמֶשׁ אוּן מַעֲשֵׂר וָואס מִיר גֶעבְּן צְדָקָה פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דִי עֲשִׁירִים גֶעבְּן צְדָקָה חוּמֶשׁ אוּן מַעֲשֵׂר פוּן זֵייעֶר גֶעלְט, אַזוֹי אוֹיךְ דִי וָואס לֶערְנֶען אִיז דָאס אוֹיךְ אַזוֹי וִוי צְדָקָה. אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפוּנֶען, שִׁמְעוֹן בֶּן שָׁטַח הָאט גֶעזָאגְט פַאר יַנַּאי הַמֶּלֶךְ (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת נד.): ״אַתְּ מִמָּמוֹנְךָ וְאָנָּא מִן אוֹרַייְתִי״, דוּ הָאסְט גֶעגֶעבְּן פוּן דַיין גֶעלְט אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעבְּן פוּן מַיין חָכְמָה, פוּן דִי תּוֹרָה וָואס אִיךְ לֶערְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (קֹהֶלֶת ז, יב): ״כִּי בְּצֵל הַחָכְמָה, בְּצֵל הַכָּסֶף״ - שִׁמְעוֹן בֶּן שָׁטַח הָאט צוּגֶעגְלִיכְן זַיין לֶערְנֶען תּוֹרָה צוּ דִי גֶעלְט וָואס יַנַּאי הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר דִי קָרְבָּנוֹת פוּן דִי נְזִירִים, עַיֵּין שָׁם; מִיט דִי פוּפְצְן שִׁיעוּרִים קֶען מֶען מְקַיֵּים זַיין חוּמֶשׁ אוּן מַעֲשֵׂר.

ווּאוֹיל אִיז דֶעם וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן אוּן עֶר נוּצְט אוֹיס דִי צַייט מִיט לֶערְנֶען דִי פוּפְצְן שִׁיעוּרִים בְּכָל חֶלְקֵי הַתּוֹרָה, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ כַּמָּה וְכַמָּה פְּעָמִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

[...

**זָאל אִיךְ קוּמֶען אִין דִי בְּרֶסְלֶבְ׳עֶ יְשִׁיבָה, צוּ בַּאקוּמֶען מַיין שִׁידוּךְ?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר פוּן עֶנְגְלַאנְד אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ אִיךְ זָאל קוּמֶען לֶערְנֶען בַּיים רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִין יְשִׁיבָה תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה, ווייל אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַמָאל פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַז וֶוען מֶען קוּמְט לֶערְנֶען אִין רֶבִּינְ'ס יְשִׁיבָה, טְרֶעפְט מֶען דֶעם שִׁידּוּךְ.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא, ט׳ סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אַ שִׁידּוּךְ הָאט נָאר מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה סח, ג): ״מָצִינוּ בַּתּוֹרָה בַּנְּבִיאִים וּבַכְּתוּבִים שֶׁאֵין זִוּוּגוֹ שֶׁל אִישׁ אֶלָּא מִן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא״, מִיר גֶעפִינֶען אִין דִי תּוֹרָה, אוּן נְבִיאִים אוּן אִין כְּתוּבִים אַז אַ שִׁידּוּךְ הָאט נָאר מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִין דִי תּוֹרָה שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית כד, נ): ״וַיַּעַן לָבָן וּבְתוּאֵל, וַיֹּאמְרוּ, מֵה׳ יָצָא הַדָּבָר״, אִין נְבִיאִים שְׁטֵייט (שׁוֹפְטִים יד, ד): ״וְאָבִיו וְאִמּוֹ לֹא יָדְעוּ כִּי מֵה׳ הִיא״, אוּן אִין כְּתוּבִים שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי יט, יד): ״בַּיִת וָהוֹן נַחֲלַת אָבוֹת, וּמֵה׳ אִשָּׁה מַשְׂכָּלֶת״, זֶעעֶן מִיר אִיבֶּערָאל אַז אַ שִׁידּוּךְ הָאט נָאר מִיטְ'ן בַּאשֶׁעפֶער.

מֶען קֶען נִישְׁט זָאגְן: ׳גֵיי דָא וֶועסְטוּ הָאבְּן דַיין שִׁידּוּךְ׳, ׳קוּם דָא וֶועסְטוּ הָאבְּן דַיין שִׁידּוּךְ׳; פוּן מִיר הָאסְטוּ נִישְׁט גֶעהֶערְט אַזוֹינְס אַז מֶען דַארְף קוּמֶען בַּיי אוּנְזֶער יְשִׁיבָה פַאר אַ שִׁידּוּךְ, פוּן מִיר הָאסְטוּ גֶעהֶערְט אַז קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה וֶועט נִישְׁט שָׁאטְן פַאר דִי שִׁידּוּךְ. זֵייעֶר אַסַאךְ בָּחוּרִים ווִילְן קוּמֶען לֶערְנֶען בַּיים רֶבִּי'ן אוּן דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן מוֹרָא עֶס וֶועט זֵיי שָׁאטְן פַאר אַ שִׁידּוּךְ, פַאר זֵיי זָאג אִיךְ זֵיי זָאלְן נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן צוּ קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה, דָאס וֶועט נָאר שְׁנֶעלֶער מַאכְן דִי שִׁידּוּךְ, אָבֶער נִישְׁט אַז מֶען דַארְף קוּמֶען לֶערְנֶען דָא, אוּן נָאר אַזוֹי וֶועט זַיין אַ שִׁידּוּךְ; אַזוֹינְס קֶען מֶען נִישְׁט זָאגְן.

דִי וָואס הָאבְּן מוֹרָא צוּ גֵיין קַיין אוּמַאן וֶועגְן אַ שִׁידּוּךְ, אָדֶער זֵיי הָאבְּן מוֹרָא זִיךְ צוּ דְרֵייעֶן צְווִישְׁן בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חֲסִידִים, אָפְּגֶערֶעדְט צוּ קוּמֶען לֶערְנֶען

אִין בְּרֶסְלֶב - דִי דַארְפְן זִיךְ נִישְׁט זָארְגְן, וַוייל פוּן טוּן גוּטֶע זַאכְן, הֵיילִיגֶע זַאכְן - פַארְלִירְט מֶען גָארְנִישְׁט.

מוֹהֲרָא"ש הָאט מִיט יָארְן צוּרִיק גֶעזָאגְט: "עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וָואס מֵיידְלֶעךְ וֶועלְן נָאר וֶועלְן בָּחוּרִים וָואס זֶענֶען מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן"; גֶעוֶוען אִיז דָאס דִי צְוֵוייטֶע יָאר וָואס מִיר הָאבְן גֶעעֶפְנְט דִי יְשִׁיבָה, שְׁנַת תש"ע, דֶעמָאלְט אִיז גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע מִלְחָמוֹת קֶעגְן דִי יְשִׁיבָה, מֶען הָאט גֶעזוּכְט וִוי אַזוֹי מֶען קֶען פַארְמַאכְן דִי יְשִׁיבָה, מֶען הָאט גֶעמַאכְט אַ שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אוֹיף אוּנְז; עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אַ מַצָב אַז עֶס אִיז נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען קַיין שִׁידוּכִים, עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען אִין יְשִׁיבָה אַסַאךְ בָּחוּרִים, אוּן עֶס הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶערוּקְט קַיין שִׁידוּכִים, מֶען הָאט אָפְּגֶעזָאגְט אַלֶעס צוּלִיב דִי שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אוֹיף דִי יְשִׁיבָה.

מִיר זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען צוּ מוֹהֲרָא"ש פְרֶעגְן וָואס צוּ טוּן, מוֹהֲרָא"ש הָאט מִיר דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט: "שְׁרַייבּ אָפּ דִי וֶוערְטֶער וָואס אִיךְ זָאג דִיר, עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט אַז מֵיידְלֶעךְ וֶועלְן נָאר וֶועלְן אַ שִׁידוּךְ טוּן מִיט בָּחוּרִים פוּן דִי יְשִׁיבָה", דֶעמָאלְט וֶוען מוֹהֲרָא"ש הָאט דָאס גֶעזָאגְט הָאבְּן מִיר דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט גְלֵייבְן, אַזַא זַאךְ אִיז נִישְׁט אַרַיין אִין קָאפּ, מִיר הָאבְן דָאס אָפְּגֶעשְׁרִיבְן; יֶעצְט זֶעעֶן מִיר אַז דִי וֶוערְטֶער זֶענֶען מְקוּיָם גֶעוָוארְן, עֶס אִיז דָא אַזוֹיפִיל וָואס וַוארְטְן צוּ בַּאקוּמֶען אַ בָּחוּר אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ.

עֶס אִיז זֵייעֶר פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ פַארְוָואס מֶען וִויל דַוְקָא זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין מִיט תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, וַוייל בַּיים רֶבִּי'ן אִיז שָׁלוֹם בַּיִת גֶעוֶוען אַ יְסוֹד, בַּיים רֶבִּי'ן הָאט מֶען נִישְׁט גֶעקֶענְט זַיין אוֹיבּ מֶען הָאט זִיךְ גֶעקְרִיגְט אִין שְׁטוּבּ, דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט זִיצְן בַּיים טִישׁ מִיט אַזַא אֵיינֶעם וָואס קְרִיגְט זִיךְ אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי וַוייבּ. דִי גַאנְצֶע עִנְיָן פוּן שָׁלוֹם בַּיִת, פוּן רֶעדְן שֵׁיין אִין שְׁטוּבּ, מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ - גֶעפוּנְט מֶען נָאר אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, דֶערִיבֶּער ווִילְן מֶענְטְשְׁן זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין מִיט אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר בָּחוּר, מֶען וִויל זֶען נַחַת בַּיי דִי קִינְדֶער.

לֶערְן, דַאוֶונען אוּן פִיר זִיךְ מִיט גוּטֶע מִידוֹת - וֶועסְטוּ בְּקָרוֹב טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אִיז דָא אַן עֵצָה גְרִינְגֶער אֵיינְצוּשְׁלָאפְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ לֶעצְטְנְס גֶעפֶערְלִיךְ מִיטְ'ן שְׁלָאפְן, עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער אֵיינְצוּשְׁלָאפְן, אוּן אִיךְ שְׁלָאף נִישְׁט קַיין נֶעכְט. אַסַאךְ מָאל הָאבּ אִיךְ אַזַא לַחַץ אַז אִיךְ מוּז מָארְגְן אוֹיפְשְׁטֵיין פְּרִי, דָאס אַלֵיין מַאכְט אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט קֶענֶען אֵיינְשְׁלָאפְן.

אֶפְשָׁר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַן עֵצָה פַּאר מִיר?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא, ט׳ סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**נֶעם אַרַיין אִין דִיר אֱמוּנָה - וֶועסְטוּ אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע דַיינֶע צָרוֹת. וֶוען מֶען נֶעמְט אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין זִיךְ, מֶען לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, מֶען וֵוייסְט אוּן מֶען גֶעדֶענְקְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, נִישְׁטָא גָארְנִישְׁט אוֹיסֶער אִים, אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט אִיז עֶר - דֶעמָאלְט וֶוערְט לִיכְטִיג, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט** (יְחֶזְקֵאל מג, ב) **: ״וְהָאָרֶץ הֵאִירָה מִכְּבֹדוֹ״, אַלֶע טוּנְקֶלְקֵייטְן גֵייעֶן אַוֶועק.**

**עֶס אִיז דָא אַ סְגוּלָה פוּן רֶבִּי׳ן צוּ קֶענֶען אֵיינְשְׁלָאפְן, מֶען זָאל טְרַאכְטְן פוּן תְּחִיַּית הַמֵּתִים. דֶער רֶבִּי זָאגְט** (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה חֵלֶק ב׳, סִימָן יז) **: ״מִי שֶׁאֵינוֹ יָכוֹל לִישֹׁן, יַעֲלֶה עַל מַחֲשַׁבְתּוֹ אֱמוּנַת תְּחִיַּת הַמֵּתִים״, וֶוער עֶס קֶען נִישְׁט אֵיינְשְׁלָאפְן, זָאל טְרַאכְטְן פוּן תְּחִיַּית הַמֵּתִים; אָבֶּער עֶס הֶערְט זִיךְ פוּן דַיין פְרַאגֶע אַז דוּ אַלֵיינְס מַאכְסְט זִיךְ דֶער פְּרָאבְּלֶעם, דוּ צְוִוינְגְסְט זִיךְ צוּ שְׁלָאפְן, דָאס הַאלְט אָפּ דֶעם שְׁלָאפְן, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט** (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תלא) **: ״מִי שֶׁרוֹצֶה לִישֹׁן וְאֵינוֹ יָכוֹל לִישֹׁן״, וֶוער עֶס וִויל שְׁלָאפְן אוּן קֶען נִישְׁט**

אַיינְשְׁלָאפְן, "הָעֵצָה לָזֶה לְבַל לְהַכְרִיחַ עַצְמוֹ כָּל כָּךְ לִישֹׁן", - זָאל זִיךְ נִישְׁט צְווִינְגֶען אַיינְצוּשְׁלָאפְן, "כִּי כָּל מַה שֶׁמַּכְרִיחַ עַצְמוֹ יוֹתֵר לִישֹׁן, מִתְגַּבֵּר עָלָיו בְּיוֹתֵר מְנִיעוֹת הַשֵּׁנָה", וַוייל ווִי מֶער מֶען צְווִינְגְט זִיךְ אַיינְצוּשְׁלָאפְן - אַלְץ שְׁוֶועֶרֶער וֶועט זַיין דָאס אַיינְשְׁלָאפְן. "וְעִנְיָן זֶה גַּם בְּכָל הַדְּבָרִים שֶׁבָּעוֹלָם לִבְלִי לְהַכְרִיחַ עַצְמוֹ בְּיוֹתֵר", אַזוֹי גֵייט עֶס מִיט יֶעדֶע זַאךְ, מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט צֶעקְוֶועטְשְׁן פוּן גָארְנִישְׁט, "כִּי כָּל מַה שֶּׁמַּכְרִיחִין עַצְמוֹ בְּיוֹתֵר לְאֵיזֶה דָּבָר, מִתְגַּבֵּר עָלָיו בְּיוֹתֵר הַהֶפֶךְ דַּיְקָא", וַוייל ווִי מֶער מֶען קְוֶועטְשְׁט זִיךְ עֶס זָאל זַיין אַזוֹי אוּן אַזוֹי - וֶוערְט נָאר פַארְקֶערְט, עַיֵּין שָׁם.

דוּ קֶענְסְט נִישְׁט שְׁלָאפְן פוּן לַחַץ, דוּ טְרַאכְטְסְט אַ גַאנְצְן צַייט: 'וֶוען גֵיי אִיךְ שׁוֹין אַיינְשְׁלָאפְן?' דוּ פַּיינִיגְסְט זִיךְ: 'פַארְוָואס שְׁלָאף אִיךְ נָאכְאַלְץ נִישְׁט?!' 'אוֹיבּ אִיךְ וֶועל נִישְׁט שְׁלָאפְן - וֶועל אִיךְ נִישְׁט קֶענֶען אָנְגֵיין וְכוּ' וְכוּ''; דוּ פַּיינִיגְסְט זִיךְ, דוּ שְׁלָאגְסְט זִיךְ מִיט מַחֲשָׁבוֹת, דָאס לָאזְט דִיר נִישְׁט אָנְגֵיין מִיטְ'ן לֶעבְּן.

פָאלְג דֶעם רֶבִּי'ן, הֶער אוֹיף זִיךְ דְרוּקְן; אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט שְׁלָאפְן - זָאלְסְטוּ לִיגְן אִין בֶּעט מִיט פַארְמַאכְטֶע אוֹיגְן. מֶען דַארְף נִישְׁט שְׁלָאפְן, עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט פַּאסִירְן אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט שְׁלָאפְן; לִיגְן אִין בֶּעט - רוּט אוֹיךְ אוֹיס. דֶער רֶבִּי זָאגְט, לִיגְן אִין בֶּעט מִיט פַארְמַאכְטֶע אוֹיגְן אִיז אַזוֹי ווִי שְׁלָאפְן, עֶס גֶעבְּט כֹּחַ, מֶען וֶוערְט אוֹיסְגֶערוּט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶעג מֶען בְּרֶענְגֶען אַ הוּנְטְל אִין שׁוּל?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וואוֹין אִין עֶירְמָאנְט, אִיךְ דַאוֶוען אִין אַ שׁוּל נֶעבְּן מַיין הוֹיז, דָארְט דַאוֶוענֶען פֵּיינֶע חֲסִידִישֶׁע אִינְגֶעלַייט, זֵייעֶר אַ גֶעשְׁמַאקֶע שׁוּל, ווִי אוֹיךְ קוּמְט דָארְט אָן דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ גִּלְיוֹנוֹת יֶעדֶע וָואךְ אוּן מֶען הָאט זֵייעֶר הֲנָאָה פוּן דֶעם.

אַפָּאר אִינְגֶעלַייט בְּרֶענְגֶען מִיט אִין שׁוּל אַ קְלֵיין הוּנְטְל פוּנְדֶערְהֵיים, מִיטְ'ן צִיל צוּ הַאלְטְן רוּאִיג דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן שְׁפִּילְן מִיטְ'ן הוּנְטְל אוּן נִישְׁט שְׁטֶערְן דָאס דַאוְונֶען, ווִיל אִיךְ ווִיסְן אוֹיבּ דָאס אִיז אַ פְּרָאבְּלֶעם. עֶס שְׁטֶערְט נִישְׁט דָאס דַאוְונֶען, עֶס אִיז נָאר צוּ הַאלְטְן דִי קִינְדֶער פַארְנוּמֶען.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי דְרָשׁוֹת, עֶס אִיז מַמָּשׁ אַ מְחַיֶּ'.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נָשֹׂא, ט' סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֵיי נִישְׁט דַאוְוענֶען אִין אַזַא שׁוּל, עֶנְדֶערְשׁ דַאוְוען אִין שְׁטוּבּ בִּיְחִידוּת; מֶען גֵייט אִין שׁוּל דַאוְוענֶען צוּ מְעוֹרֵר זַיין רַחֲמִים בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, נִישְׁט צוּ מְעוֹרֵר זַיין דִינִים. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת הַמְתָּקַת דִּין, סִימָן צב): "מִי שֶׁמְּגַדֵּל כֶּלֶב, מְעוֹרֵר דִּין", וֶוער עֶס צִיט אוֹיף אַ הוּנְט - בְּרֶענְגְט דִינִים; מִיר ווִילְן דָאךְ אַוֶועקְנֶעמֶען דִי דִינִים.

מֶען גֵייט אִין שׁוּל דַאוְוענֶען צוּ מַמְשִׁיךְ זַיין חֲסָדִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ הוּנְט בְּרֶענְגְט דָאס פַארְקֶערְטֶע פוּן חֲסָדִים. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת סג): "כָּל הַמְגַדֵּל כֶּלֶב רַע בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ", וֶוער עֶס צִיט אוֹיף אַ הוּנְט בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ, "מוֹנֵעַ חֶסֶד מִתּוֹךְ בֵּיתוֹ", נֶעמְט אַוֶועק חֲסָדִים פוּן זִיךְ; מִיר ווִילְן דָאךְ נָאר חֲסָדִים, מִיר ווִילְן נָאר גוּטְס.

מֶען גֵייט אִין שׁוּל דַאוְוענֶען צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער אַוֶועקְצוּנֶעמֶען טוּמְאָה, נִישְׁט צוּ בְּרֶענְגֶען טוּמְאָה. דֶער הֵיילִיגֶער מְגַלֶּה עֲמֻקּוֹת (פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח) זָאגְט: "כֶּלֶב רַע" בַּאטְרֶעפְט 322, אַזוֹי ווִי "מֶרְכָּבָה טְמֵאָה"; וָואס פֶעלְט דִיר אוֹיס צוּ גֵיין אִין אַ פְּלַאץ וָואס מֶען בְּרֶענְגְט טוּמְאָה.

גֶעבּ נִישְׁט צוּ שְׁפִּילְן דַיינֶע קִינְדֶער מִיט הוּנְט, בְּרֶענְג אַרַיין אִין זֵיי אַ פַּחַד, זֵיי זָאלְן מוֹרָא הָאבְּן אוּן זִיךְ עֶקְלֶען פוּן הוּנְט.

ווִי אַזוֹי קֶען מֶען דַאוְוענֶען וֶוען מֶען כַאפְּט אָן אַ הוּנְט, מֶען וֶוערְט דָאךְ

טָמֵא יֶעדֶעס מָאל מֶען רִירְט אָן אַ הוּנְט ! מוֹהֲרָא"ש זָאגְט (אֲשֶׁר בַּנַּחַל חֵלֶק כ, מִכְתָּב ב' תתקנד): "אֲפִילוּ עַל פִּי הֲלָכָה דַארְף מֶען נִישְׁט וַואשְׁן דִי הֶענְט וֶוען מֶען כַּאפְּט אָן בַּעֲלֵי חַיִּים טְמֵאִים, דָאךְ פִּירְן זִיךְ עֶרְלִיכֶע אִידְן אַז וֶוען מֶען כַּאפְּט אָן אַ הוּנְט אָדֶער אַ קַאץ וְכַדוֹמֶה, וַואשְׁט מֶען זִיךְ דִי הֶענְט"; מוֹהֲרָא"ש בְּרֶענְגְט פוּן סֵפֶר יָפֶה לַלֵּב (חֵלֶק א' סִימָן ד, סְעִיף קָטָן כד): "מִי שֶׁנּוֹגֵעַ בְּגוֹי אוֹ בְּיִשְׂרָאֵל מוּמָר שֶׁהֵם בְּחַיֵּיהֶם כְּמֵתִים", וֶוער עֶס רִירְט אָן אַ גוֹי אָדֶער אַ גֶעפַאלֶענֶער אִיד וָואס זֵיי זֶענֶען בַּיים לֶעבְּן אַזוֹי וִוי טוֹיטֶע מֶענְטְשְׁן, "שֶׁצָּרִיךְ נְטִילַת יָדַיִם", אַז מֶען דַארְף זִיךְ וַואשְׁן דִי הֶענְט, "וְהוּא הַדִּין בְּמִי שֶׁנָּגַע בְּבַעֲלֵי חַיִּים טְמֵאִים", אַזוֹי אוֹיךְ וֶוער עֶס רִירְט אָן בַּעֲלֵי חַיִּים טְמֵאִים.

אִיךְ הָאבּ אַזוֹי רַחְמָנוּת אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, מַיין הַארְץ גֵייט אוֹיס פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער; אַזוֹיפִיל אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס קוּמֶען פוּן עֶרְלִיכֶע מִשְׁפָּחוֹת אַנְטְלוֹיפְן פוּן זֵייעֶר מִשְׁפָּחָה, מֶען זוּכְט גְלִיקְן, אוּן וֶוען מֶען זֶעט וִוי דִי שְׁכֵנִים לֶעבְּן, הוֹיבְּט מֶען זֵיי אָן נָאכְמַאכְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, נָאכְדֶעם פַארְלִירְט מֶען דִי דוֹרוֹת.

גֶעבּ אַכְטוּנְג וואוּ דוּ וואוֹינְסְט, גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער; אַ אִיד וֶוען עֶר זוּכְט אַ פְּלַאץ וואוּ צוּ וואוֹינֶען קוּקְט מֶען נִישְׁט אוֹיף דִי פְּרַייז אוּן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע הוֹיז, קוֹדֶם קוּקְט מֶען עֶס זָאל זַיין אַ גוּטֶע מוֹסָד פַאר דִי קִינְדֶער, אוּן פַאר אַן עֶרְלִיכֶע שׁוּל, מִיט אַן עֶרְלִיכֶער רָב, נָאכְדֶעם קוּקְט מֶען אוֹיף דִי פְּרַייז אוּן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע הוֹיז.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, מִיר אַלֶע זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן אוּן אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּנֶעם גְרוֹיסְן גָלוּת.

...

## אִיז דָא אַ מְמַלֵּא מָקוֹם וָואס הָאט אִיבֶּערְגֶענוּמֶען מוֹהֲרָא"ש זי"ע?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

איך האב נישט קיין ווערטער צו דאנקען דעם ראש ישיבה שליט"א אויף אלעס, איך שפיר די רחמנות פונעם ראש ישיבה אויף מיר, מיר צו העלפן גיין אויפ'ן ריכטיגן וועג.

דער ראש ישיבה שליט"א האט מיר געשריבן אין א בריוו זיך צו דערווייטערן פון לצים וואס רעדן אויפ'ן צדיק. דער ראש ישיבה האט געשריבן: "ווען די קליפות זעען ווי דער מענטש וויל תשובה טון - קומען זיי צו אים פארשטעלט ווי מענטשן, זיי מאכן אים חלישות הדעת, און ווען זיי זעען ווי דער מענטש ווערט מקורב צום צדיק - הויבן זיי אן רעדן ליצנות קעגן דעם צדיק; אז דו ביסט נעבעך אזוי אראפגעפאלן און יעצט ווילסטו זיך צוריקקערן צום אייבערשטן - דארפסטו זיין פעלזן פעסט נישט אויסצוהערן געשפעט אויף צדיקים", איך בין אבער אביסל צעמישט אין דעם ענין פון 'צדיק', אויב דער ראש ישיבה קען מיר דאס אויסקלארן.

מיר האבן זוכה געווען צו האבן דעם גרויסן צדיק מוהרא"ש זכותו יגן עלינו וואס האט אונז געפירט אויפ'ן ריכטיגן וועג, אונז געלערנט די עצות פון הייליגן רבי'ן, און אונז מחיה געווען אויף יעדע טריט און שריט. ליידער האבן מיר פארלוירן דעם גרויסן צדיק, ער האט אונז איבערגעלאזט אליין, אבער ער האט אונז אויך איבערגעלאזט זיינע ספרים מיט וואס מיר קענען זיך מחזק זיין אויף ווייטער, און וויסן ווי אזוי זיך צו פירן אין יעדן מצב.

מוהרא"ש זכותו יגן עלינו האט נישט געשטעלט א ממלא מקום וואס זאל אים איבערנעמען נאך זיין הסתלקות, ער האט קלאר געזאגט און געשריבן אז ער שטעלט נישט קיין ממלא מקום נאך זיך. למעשה זענען אבער יא דא עטליכע משפיעים אין היכל הקודש וואס שטעלן זיך ארויס ווייטער איבערצוגעבן מוהרא"ש'ס לימודים. ווי אזוי ארבעט דאס?

איך וויל נאר זיין ערליך און וואויל, איך וויל נאר טון וואס עס איז ריכטיג, אבער איך בין זייער צעמישט אין דעם, פון איין זייט קען מען אפשר מקבל זיין פון די משפיעים אין היכל הקודש, אבער פון די אנדערע זייט הער איך שטארקע טענות קעגן זיי אז מוהרא"ש האט דאך קלאר געזאגט אז ער האט נישט געשטעלט קיין ממלא מקום.

איך האף דער ראש ישיבה שליט"א וועט מיר דאס קענען אויסקלארן, איך וויל נאר וויסן דעם אמת, און מיין גאנצע אידישקייט ווענדט זיך אין דעם.

יישר כח

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא, ט׳ סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוער זָאגְט בִּכְלָל דִי זַאךְ פוּן פַּארְטְרֶעטְן מוֹהֲרָא״שׁ? אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהֶערְט קֵיינֶעם פוּן תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ זָאלְן זָאגְן אוֹיף אֵיינֶעם אַז דֶער אוּן דֶער פַּארְטְרֶעט מוֹהֲרָא״שׁ, וֶוער זָאגְט בִּכְלָל אַזַא זַאךְ? קֵיינֶער זָאגְט נִישְׁט אַז אֵיינֶער פַּארְטְרֶעט מוֹהֲרָא״שׁ.

מֶען קֶען נִישְׁט פַּארְטְרֶעטְן מוֹהֲרָא״שׁ, נִישְׁט שַׁיָּיךְ צוּ פַּארְטְרֶעטְן; עֶס אִיז אַזוֹי וִוי קִינְדֶער וָואס פַּארְלִירְן לֹא עָלֵינוּ אַ טַאטֶע אָדֶער אַ מַאמֶע, אִיז דֶען שַׁיָּיךְ צוּ נֶעמֶען אַ צְוֵוייטְן זָאל זַיין זֵייעֶר טַאטֶע אָדֶער מַאמֶע? אַ טַאטֶע מַאמֶע קֶען מֶען נִישְׁט פַּארְטְרֶעטְן; אַזוֹי אוֹיךְ אַ רֶבִּי, אַ צַדִּיק - קֶען מֶען נִישְׁט פַּארְטְרֶעטְן.

אָבֶער דָאס פַּארְשְׁטֵייט יֶעדֶער אֵיינֶער אַז אוֹיבּ מֶען וֶועט לָאזְן דִי קִינְדֶער, דִי יְתוֹמִים, אוֹיף הֶפְקֵר - וֶועלְן זֵיי זַיין אִין אַ סַכָּנָה, מֶען דַארְף זִיךְ אוּמְקוּקְן אוֹיף דִי קִינְדֶער; וָואס טוּט מֶען? מֶען בְּרֶענְגְט זֵיי אַ כְּמוֹ טַאטֶע, אֵיינֶער זָאל זִיךְ פָּארֶענֶען מִיט זֵיי בִּיז זֵיי וֶועלְן אוֹיפְוַואקְסְן; וְוִיל אִיךְ דִיךְ פְּרֶעגְן, וֶועט אֵיינֶער קוּמֶען פָארְהַאלְטְן דִי קִינְדֶער אוּן זֵיי טְשֶׁעפֶּען: ״דֶער מֶענְטְשׁ אִיז דָאךְ נִישְׁט דַיין טַאטֶע, פַארְוָואס הֶערְסְטוּ אִים צוּ?״ ״דִי פְרוֹי אִיז נִישְׁט דַיין מַאמֶע, פַארְוָואס הֶערְסְטוּ אִיר צוּ?״ וָואס וֶועסְטוּ זָאגְן אוֹיף יֶענֶעם?

יֶעצְט וְוִיל אִיךְ דִיךְ פְרֶעגְן, אַז מֶענְטְשְׁן שְׁפִּירְן זִיךְ וִוי יְתוֹמִים, זֵיי דַארְפְן אַ כְּמוֹ טַאטֶע, אַ כְּמוֹ מַאמֶע, אֵיינֶער זָאל זֵיי מַדְרִיךְ זַיין, אֵיינֶער זָאל זֵיי מְחַיֶּ׳ זַיין, אַרַיינְבְּלָאזְן אַ חַיּוּת אִין זֵייעֶר נְשָׁמָה; וִוי קוּמְט מֶען שְׁפֶּעטְן אוּן זָאגְן: ״מוֹהֲרָא״שׁ הָאט נִישְׁט גֶעשְׁטֶעלְט אַ מְמַלֵּא מָקוֹם!״ וֶוער זָאגְט דָא אַז מִיר נֶעמֶען אַ מְמַלֵּא מָקוֹם? מוֹהֲרָא״שׁ לָאזְט נִישְׁט נֶעמֶען אַן עֶרְלִיכֶער אִיד פַּאר אַ וֶועג וַוייזֶער?! מֶען טָאר נִישְׁט נֶעמֶען אַ מוֹרֶה דֶרֶךְ זָאל מְחַיֶּ׳ זַיין אוּן מְחַזֵּק זַיין?!

אִינְטֶערֶעסַאנְט, דִי אֵיין שׁוּרָה פוּן דִי בְּרִיוו וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעשְׁרִיבְּן: "אֲנִי לֹא מִנִּיתִי אֶת אַף אֶחָד לִהְיוֹת מַנְהִיג בִּמְקוֹמִי" - דָאס אִיז דִיר מְבַלְבֵּל, און וָואס מוֹהֲרָא"ש שְׁרַייבְּט אִינֶעם גַאנְצְן בְּרִיוו, פַארְדֶעם און נָאכְדֶעם - דָאס זֶעסְטוּ נִישְׁט? און דָאס וָואס מוֹהֲרָא"ש שְׁרַייבְּט צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער בְּרִיוו פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מֶען זָאל זוּכְן צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אֵיינֶער וָואס קֶען מְחַזֵק זַיין, אֵיינֶער וָואס קֶען אַרַיינְשַׁיינֶען אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן, אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ לֶערְנֶען, אֵיינֶער וָואס וֶועט דִיר עֶפֶענֶען דַיין מוֹיל זָאלְסְט קֶענֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן - דָאס אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ הַיינְט? דָאס אִיז נָאר גֶעוֶוען שַׁיָיךְ וֶוען מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעלֶעבְּט?!

מוֹהֲרָא"ש הָאט טַאקֶע נִישְׁט גֶעשְׁטֶעלְט קַיין מְמַלֵּא מָקוֹם, אָבֶער מוֹהֲרָא"ש הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט סְפָרִים וָואס זָאגְן אוּנְז און לֶערְנֶען אוּנְז וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן. לָאמִיר אַרַיינְקוּקְן אִין דִי סְפָרִים וָואס לֶערְנֶען אוּנְז, מוֹהֲרָא"ש זָאגְט אָן אַ שִׁיעוּר מָאל מִיר זָאלְן זוּכְן צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וֶוער עֶס קֶען אוּנְז בְּרֶענְגֶען נָאנְט צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן, מִיר זָאלְן זוּכְן און נִישְׁטֶערְן וֶוער עֶס קֶען אוּנְז אַרַיינְבְּלָאזְן אַ חַיוּת, מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיט'ן אֵייבֶערְשְׁטְן; זָאלְן זִיךְ גֶעפוּנֶען אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ מֶענְטְשְׁן וָואס זָאלְן פַּיינְט הָאבְּן עֶרְלִיכֶע אִידְן וָואס זֶענֶען מְחַזֵק אִידִישֶׁע קִינְדֶער?

דָאס אִיז דָאךְ גֶעוֶוען דִי טַעֲנָה אַלֶע יָארְן אוֹיף תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, מֶען הָאט גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אוּנְז: "מִיר דַארְפְן נָאר דֶעם רֶבִּי'ן, מִיר דַארְפְן נִישְׁט קֵיינֶעם זָאל אוּנְז זָאגְן, מִיר נֶעמֶען דֶעם רֶבִּי'ן און רֶבִּי נָתָן"; מִיט דֶעם הָאבְּן מִיר נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף דִי מִתְנַגְדִים, מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְקַבֵּל זַיין פוּן מוֹהֲרָא"ש דֶעם רֶבִּינְ'ס לִימוּדִים; יֶעצְט אִיז דָא וָואס זִינְגֶען דֶעם פַארְפוֹילְטְן לִיד אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ?!

אַז אֵיינֶעם אִיז גֶענוּג דִי סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן דַארְף מֶען פַארְדֶעם פַּיינְט הָאבְּן אַנְדֶערֶע וָואס דַארְפְן יָא חִיזוּק און אַז מֶען זָאל זֵיי מַדְרִיךְ זַיין וְכוּ' וְכוּ'?! פַארְוָואס זָאל מֶען חוֹזֶק מַאכְן פוּן תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ וָואס זֶענֶען מְחַזֵק אַנְדֶערֶע? פַארְוָואס פַּיינְט הָאבְּן עֶרְלִיכֶע אִידְן? אַז מֶען קֶען נִישְׁט לַיידְן עֶרְלִיכֶע אִידְן אִיז אַ סִימָן אַז מֶען אִיז וַוייט פוּנֶעם אֱמֶת.

וָואס בִּיסְטוּ זִיךְ מְבַלְבֵּל פוּן אַנְדֶערֶע, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטֶערְן פוּן אַנְדֶערֶע? מוֹהֲרַא"ש הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן, מֶען זָאל קוּקְן אוֹיף זִיךְ, מֶען זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף זִיךְ; אַז מֶען דְרֵייעדְט זִיךְ אִין אַ פְּלַאץ זָאל מֶען קוּקְן אִין דִי הַאנְט: 'וָואס בַּאקוּם אִיךְ דָא?' אַז מֶען זֶעט מֶען וֶוערְט נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען לֶערְנְט שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ, מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד אוּן מֶען לֶעבְּט מִיט תַּכְלִית - אִיז גוּט, אוּן אַז נִישְׁט זָאל מֶען זוּכְן אַ צְוֵוייטֶע פְּלַאץ וואוּ מֶען אִיז מְעוֹרֵר אוֹיף דִי זַאכְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### מִיט תְּפִלָּה הָאבּ אִיךְ בַּאוִויזְן זִיךְ אָפְּצוּשֶׁערְן דִי הָאר

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ שְׁרַייבּ דֶעם בְּרִיוו מִיט טְרֶערְן אִין דִי אוֹיגְן, מִיט דַאנְק צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוּן פַאר זַיין גוּטֶער שָׁלִיחַ, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

אִיךְ וִויל מִיטְטֵיילְן מִיטְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה מַיין גְרוֹיסֶע הִתְרַגְּשׁוּת אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ אָפְּגֶעשׁוֹירְן דִי הָאר, כָּאטְשׁ עֶס אִיז מִיר גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער.

מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן גֶערֶעדְט צוּ מִיר שׁוֹין פוּן פַאר דִי חֲתוּנָּה אִיךְ זָאל עֶס נִישְׁט טוּן, בַּיי זֵיי אִיז מַמָּשׁ אַ לֵיצָנוּת דִי גַאנְצֶע זַאךְ, זֵיי הָאבְּן מִיר גֶענוּמֶען אַ שִׁידוּךְ וָואס דֶער בָּחוּר הָאט אוֹיךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט אִיךְ זָאל זִיךְ שֶׁערְן. זֵיי זֶענֶען וואוֹילֶע אוּן פְרוּמֶע עֶלְטֶערְן, זֵיי זָאגְן אַז אוּנְזֶער מִנְהָג אִיז צוּ לָאזְן דִי הָאר. אָבֶער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ בֶּעטְן דֶער בַּאשֶׁעפֶער אַז עֶר זָאל מִיךְ פִירְן אוֹיף זַיין וֶועג, אוּן יֶעצְט קֶען אִיךְ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט נָאךְ דִי חֲתוּנָּה הָאט מַיין מַאן מִיךְ גֶעפְרֶעגְט אֵיידְלֶערְהֵייט אוֹיבּ אִיךְ בִּין מַסְכִּים עֶס צוּ טוּן פַארְ'ן בַּאשֶׁעפֶער.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייט דָאס צוּ הֶערְן, עֶר אִיז זִיכֶער בַּיי זִיךְ אַז אִיךְ בִּין זֵייעֶר אַ וואוֹילֶע ווייבּ, עֶר מֵיינְט אַז מִיט אֵיין קְלֵיינֶע שְׁמוּעֶס קֶען אַ פְרוֹי טוּן אַזַא גְרוֹיסֶע טוּיש, אַרָאפְּצוּנֶעמֶען דִי הָאר, עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דִי רִיזִיגֶע נִסָּיוֹן וָואס עֶס אִיז, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט

אַז דָאס אִיז אַן אַרְבֶּעט שׂוין פוּן עֶטְלִיכֶע יָאר הֶערְן דְרָשׁוֹת, שִׁיעוּרִים און הִתְחַזְקוּת, און בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ גֶעדֶענְק נָאךְ מַיין עֶרְשְׁטֶע תְּפִלָּה אוֹיף דֶעם, דִי וֶועג ווִי אַזוֹי אִיךְ הָאב עֶס גֶעבֶּעטְן. פַאר אַ מֵיידְל וָואס וַואקְסְט אוֹיף אִין אַזַא שְׁטוּב וואו דִי גַאנְצֶע זַאךְ אִיז אָפְּגֶעפְרֶעגְט און אָפְּגֶעלַאכְט, אִיךְ הָאב אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרַאכְטְן אַז אִיךְ גֵיי עֶס אַמָאל קֶענֶען בַּאוַוייזְן, אִיךְ הָאב נָאר גֶעבֶּעטְן אוֹיף דֶעם ווַייל אִיךְ הָאב גֶעהֶערְט אַ שִׁיעוּר ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעזָאגְט אַז אֲפִילוּ אוֹיב מֶען ווִיל נָאכְנִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן אַ גוּטֶע זַאךְ, מֶען הַאלְט נָאכְנִישְׁט דֶערְבֵּיי, זָאל מֶען זָאלְן כָאטְשׁ דַאוֶוענֶען און בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, אִיךְ הָאב גֶעפָאלְגְט און גֶעבֶּעטְן אָבֶּער בִּכְלַל נִישְׁט מִיטְ'ן גֶעדַאנְק אַז אִיךְ וֶועל עֶס טַאקֶע טוּן, אָבֶּער ווִי עֶס זֶעט אוֹיס אִיז תְּפִלָּה שְׁטֶערְקֶער.

אִיךְ הָאב מַקְרִיב גֶעוֶוען אַ קָרְבַּן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ וָואס אִיךְ הָאב נָאר גֶעקֶענְט גֶעבְּן פוּן זִיךְ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס וֶועגְן, און טַאקֶע מַמָּשׁ "לִשְׁמָהּ" אָן קַיין שׁוּם אִינְטֶערֶעסְן, קֵיינֶער ווֵייסְט נִישְׁט פוּן דֶעם.

אִיךְ ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק בַּאקוּמֶען חִיזּוּק אוֹיף דֶעם, אִיךְ זָאל עֶס ווַייטֶער אַלֶעמָאל טוּן מִיט שִׂמְחָה, אֲפִילוּ עֶס אִיז שְׁוֶוער.

יְיַשֶּׁר כֹּחַ פַאר דֶעם, און פַאר אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס אִיךְ הָאב בַּאקוּמֶען פוּן דִי שִׁיעוּרִים און דְרָשׁוֹת, אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט זָאל מַמְשִׁיךְ זַיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן כֹּחַ און גֶעזוּנְט.

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נָשֹׂא, ט' סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תְּחְיֶ'**

**אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**ווָאוֹיל אִיז אַייךְ און ווָאוֹיל אִיז אַייעֶר חֵלֶק אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, אִיר הָאט גֶעגֶעבְּן אַ קָרְבַּן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיט דֶעם הָאט אִיר אַרוֹיסְגֶעטְרָאגְן פוּן אַייעֶר שְׁטוּב דִי נִישְׁט גוּטֶע; אִיר הָאט אַ חֵלֶק אִין בְּרֶענְגֶען מָשִׁיחַ.**

דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (נָשֹׂא קכה:): "'תּוּנְבָא לֵיתֵי', אַ קְלָלָה זָאל קוּמֶען, 'עַל הַהוּא בַּר נָשׁ', אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, 'דְּשָׁבַק לְאִנְתְּתֵיהּ', וָואס לָאזְט זַיין ווייבּ, 'דְּתִתְחַזֵי מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר', אַז אִיר הָאר פוּן קָאפּ זָאל זִיךְ אַרוֹיסְזֶען. 'וְדָא הוּא חַד מֵאִינוּן צְנִיעוּתָא דְּבֵיתָהּ', אוּן דָאס אִיז פוּן דִי יְסוֹדוֹת פוּן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זֶען דִי הָאר פוּן דִי פְּרוֹי. 'וְאִתְּתָא דַּאֲפִּיקַת מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר', אוּן אַ פְּרוֹי וָואס גֵייט מִיט אוֹיפְגֶעדֶעקְטֶע הָאר, 'לְאִתְתַּקְּנָא בֵּיהּ', זִיךְ שֵׁיין צוּ מַאכְן, 'גָּרִים מִסְכְּנוּתָא לְבֵיתָא', אִיז זִי גוֹרֵם אַז עֶס זָאל זַיין אָרֶעמְקֵייט אִין שְׁטוּבּ, 'וְגָרִים לִבְנָהָא דְּלָא יִתְחַשְׁבוּן בְּדָרָא', אוּן זִי אִיז גוֹרֵם אַז אִירֶע קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין אוּן זֵיי וֶועלְן נִישְׁט זַיין חָשׁוּב. 'וְגָרִים מִלָּה אַחֲרָא דְּשַׁרְיָא בְּבֵיתָא', אַזוֹי אוֹיךְ אִיז זִי גוֹרֵם אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע זָאלְן זַיין אִין אִיר שְׁטוּבּ. 'מַאן גָּרִים דָּא?' וֶוער אִיז דָאס אַלֶעס גוֹרֵם? 'הַהוּא שַׂעֲרָא דְּאִתְחֲזֵי מֵרֵישָׁהּ לְבַר', דִי פְּרוֹי וָואס אִיר הָאר זֶעט זִיךְ אַרוֹיס".

מִדָּה טוֹבָה מְרוּבָּה, וֶוען מֶען אִיז גוּט - קוּמְט אַסַאךְ מֶער גוּטְס; אָפְּגֶערֶעדְט אַז דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וָואס דֶער זוֹהַר רֶעכְנְט אוֹיס - דָאס אַלֶעס קוּמְט נִישְׁט, אוּן נָאךְ אַסַאךְ מֶער גוּטְס קוּמְט צוּ דִי מִשְׁפָּחָה, בִּפְרַט צוּ דִי פְּרוֹי וָואס שֶׁערְט אָפּ אִירֶע הָאר, זִי וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת אוּן צוּ אַלֶעס גוּטְס.

דִי זַאךְ פוּן תְּפִלָּה אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק; וֶוען מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַ זַאךְ, אֲפִילוּ עֶס זֶעט אוֹיס אַז דִי זַאךְ וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעשֶׁען, אָדֶער מֶען בֶּעט אוֹיף אַ גֶעוִויסֶע מִדָּה, מֶען ווִיל זִיךְ טוּישְׁן, מֶען ווִיל זַיין בֶּעסֶער אוּן דִי מַחֲשָׁבוֹת זָאגְן 'בֶּעט נִישְׁט, ווַייל עֶכְט ווִילְסְטוּ נִישְׁט זַיין גוּט, דוּ זָאגְסְט עֶס נָאר, אָבֶּער עֶכְט ווִילְסְטוּ נִישְׁט'; אוֹיבּ מֶען שְׁפְּרִינְגְט אִיבֶּער דִי מַחֲשָׁבוֹת, מֶען בֶּעט יָא פַאר דֶעם, מֶען בֶּעט צוּ זַיין אַ צַדִּיק, אֲפִילוּ מֶען ווִיל נָאכְנִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק - אָבֶּער בַּיים סוֹף פּוֹעֵל'ט מֶען, מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ דִי זַאכְן אוֹיף וָואס מֶען הָאט גֶעבֶּעטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווי אַזוֹי שְׁטַארְק אִיךְ זִיךְ נָאכְמָאל חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען בַּיי אַ שִׁיעוּר פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אוּן אִיךְ הָאב גֶעהַאט אַסַאךְ חִיזוּק דָארְט.

אִיךְ הָאב זִיךְ גֶע'גֶט בְּעֶרֶךְ אַ יָאר צוּרִיק, אִיךְ הָאב אָבֶער מוֹרָא צוּ זוּכְן אַ פְרִישֶׁע שִׁידוּךְ, ווייל אִיךְ צִיטֶער אַז אִיךְ וֶועל אֶפְשָׁר נָאכְמָאל אַרַיינְפַאלְן. אִיךְ ווִיל חֲתוּנָה הָאבְּן, אָבֶער אִיךְ הָאב נָאךְ קָאשְׁמַארְן פוּנֶעם פְרִיעֶרְדִיגְן שִׁידוּךְ. הָאט אִיר עֶפֶּעס אַן עֵצָה אוּן חִיזוּק פַאר מִיר?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת נָשׂא, י׳ סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ וֵייס נִישְׁט פַארְוָואס דוּ הָאסְט זִיךְ גֶע׳גֶט; מִמָּה נַפְשָׁךְ, אוֹיב בִּיסְטוּ נִישְׁט גֶעלֶערְנְט, דוּ וֵוייסְט נִישְׁט ווִי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן מִיט אַ ווייבּ - זָאלְסְטוּ זִיךְ גֵיין לֶערְנֶען בַּיי עֶרְלִיכֶע אִידְן ווִי אַזוֹי מֶען לֶעבְּט מִיט אַ ווייבּ; לֶערְן זִיךְ צוּ מְוַתֵּר זַיין, לֶערְן זִיךְ צוּ שְׁלִינְגֶען. מִיט אַ רָצוֹן קֶען מֶען אַלֶעס בַּאקוּמֶען, אוֹיב מֶען ווִיל אוֹיסְאַרְבֶּעטְן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת קֶען מֶען דָאס בַּאווַייזְן; מִיט הִתְבּוֹדְדוּת קֶען מֶען זִיךְ אוֹיסְאַרְבֶּעטְן אוּן זִיךְ אוֹיסְאֵיידְלֶען.

וַוארְף אַוֶועק דַיין שֵׂכֶל, גֵיי נָאךְ דִי שֵׂכֶל פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וָואס זָאגְט אַז מֶען דַארְף חֲתוּנָה הָאבְּן. דִי תּוֹרָה זָאגְט (בְּרֵאשִׁית ב, יח): ״לֹא טוֹב הֱיוֹת הָאָדָם לְבַדּוֹ״, עֶס אִיז נִישְׁט גוּט צוּ זַיין אֵיינֶער אַלֵיין, נִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט; מֶען דַארְף חֲתוּנָה הָאבְּן, טוּן דֶעם רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. כָּל זְמַן מֶען אִיז אַלֵיין אִיז מֶען נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, מֶען אִיז נִישְׁט אָפְּגֶעהִיטְן, גְלַייךְ וֶוען מֶען הָאט חֲתוּנָה וֶוערְט מֶען פְרֵיילִיךְ אוּן אָפְּגֶעהִיטְן, דִי שְׁכִינָה רוּט נָאר וֶוען מֶען אִיז חֲתוּנָה גֶעהַאט, כָּל זְמַן מֶען אִיז אַ פְּלַג גוּף אִיז נִישְׁטָא קַיין הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה.

הֶער נִישְׁט אוֹיס דִי וָואס זָאגְן דִיר נִישְׁט חֲתוּנָה הָאבְּן, הָאב וָואס שְׁנֶעלֶער חֲתוּנָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**וָואס טוּ אִיךְ מִיט מַיין קְלֵיין קִינְד וָואס פִירְט זִיךְ נִישְׁט אֵיידְל**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ מוּז זִיךְ קוֹדֶם בַּאדַאנְקֶען פַאר דֶעם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת וָואס אִיךְ הָאב גֶעהַאט דָאס יָאר, עֶס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל בַּיי מִיר וָואס אִיךְ הָאב גֶעהַאט אֱמֶת'דִיג אַ גֶעפִיל מְקַבֵּל צוּ זַיין דִי תּוֹרָה פוּן פְרִיש, אִיךְ הָאב קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעטְרַאכְט אַז אִיךְ הָאב עֶפֶּעס שַׁיְיכוּת מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אַז אִיךְ קֶען אוֹיךְ לֶערְנֶען, אִיךְ הָאב גֶעווּאוּסְט גְלַייךְ בַּיים מַאכְן דִי גוּטֶע קַבָּלָה, אַז אִיךְ נַאר זִיךְ אַלֵיין, אִיךְ וֶועל עֶס קֵיינְמָאל נִישְׁט קֶענֶען מְקַיֵים זַיין, אָבֶּער דָאס יָאר, זַייעֶנְדִיג שׁוֹין מְקוֹרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִיז עֶס גֶעוֶוען אַן אֱמֶת'עֶר דֶערְהוֹיבֶּעֶנֶער שָׁבוּעוֹת, אִיךְ הָאב שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען אַזוֹיפִיל צוּ לֶערְנֶען דוּרְכְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד פוּן רֶבִּי'ן, אוּן אִיךְ הָאב זִיךְ אוֹיפְגֶעפְרִישְׁט יֶעצְט צוּ לֶערְנֶען נָאךְ מֶער מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף.

יֶעצְט צוּ מַיין שְׁאֵלָה, מַיין זוּן אִיז פִינְף יָאר אַלְט, עֶר אִיז בָּרוּךְ הַשֵּׁם זֵייעֶר ווּאוֹיל, מִיר הָאבְּן אַסַאךְ נַחַת פוּן אִים, מִיר זֶענֶען אִים מְחַנֵךְ מִיט עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אָבֶּער מִיר הָאבְּן אֵיין שְׁטַארְקֶע פְּרָאבְּלֶעם מִיט אִים.

בְּעֶרֶךְ אַ יָאר צוּרִיק הָאט מַיין וַוייבּ גֶעזֶען ווִי עֶר רִירְט זִיךְ אָן וואוּ מֶען טָאר נִישְׁט, זִי הָאט אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן מַסְבִּיר זַיין אַז מֶען טָאר דָאס נִישְׁט טוּן, אוּן שְׁפֶּעטֶער אוֹיךְ גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים, אוּן אַזוֹי הָאט זִיךְ עֶס אִיבֶּערְגֶע'חַזֶר'ט אַסַאךְ מָאל. מִיר הָאבְּן פְּרוּבִּירְט מְבַרֵר זַיין וָואס טוּט זִיךְ אִין זַיין חֵדֶר, אוּן מִיר הָאבְּן גֶעהֶערְט אַז אַ צְווֵייטֶער אִינְגְל הָאט גֶערֶעדְט צוּ אִים וֶועגְן דֶעם, מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט מִיטְ'ן מְלַמֵד, אוּן לְמַעֲשֶׂה אִיז דִי זַאךְ דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אוּן מֶען הָאט פַארְגֶעסְן דֶערְפוּן. אָבֶּער יֶעצְט הָאט מִיר מַיין וַוייבּ גֶעזָאגְט אֵיין טָאג אִיךְ זָאל זֶען פַארְוָואס עֶר פַארְזוֹימְט זִיךְ אַזוֹי לַאנְג אִינֶעם פְּרִיוַואטְן צִימֶער, אוּן וֶוען אִיךְ בִּין אַרַיין הָאב אִיךְ גֶעזֶען אַז עֶר טוּט עֶס שׁוֹין וַוייטֶער. אִיךְ הָאב זִיךְ אַיינְגֶעהַאלְטְן אוּן גָארְנִישְׁט

גֶעטוּן, ווייל אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוָואלְט טוּן זאכְן פוּן כַּעַס, אָבֶּער אִיךְ בִּין זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן און פַארְלוֹירְן, ווִי אַזוֹי הַאנְדְל אִיךְ אִין דֶעם מַצָּב?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת נָשֹׂא, י' סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין גֶעוָוארְנְט נִישְׁט אָנְצוּרִירְן דֶעם אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ; ווִי יוּנְגֶער מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי, מֶען גֶעווֹאוֹינְט זֵיי צוּ צוּ זַיין הֵיילִיג - וֶועלְן זֵיי אוֹיסְוַואקְסְן גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים.

מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי אֵיין מָאל און נָאכְאַמָאל, און אַמָאל גֶעבְּט מֶען אַ קְלֵיין פֶּעטְשְׁל. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כב, טו): "אִוֶּלֶת, קְשׁוּרָה בְלֶב נָעַר", אַ קִינְד אִיז צוּגֶעבִּינְדְן מִיט נַארִישֶׁע זַאכְן, אַ קִינְד וֶוערְט גֶעבּוֹירְן מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, "שֵׁבֶט מוּסָר, יַרְחִיקֶנָּה מִמֶּנּוּ", דִי שְׁטֶעקְן מִיט וָואס מֶען שְׁלָאגְט אִים - וֶועט עֶס דֶערְוַוייטֶערְן פוּן אִים; מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער פוּן יוּנְגְוֵוייז אָן צוּ זַיין עֶרְלִיךְ, הֵיילִיג און אָפְּגֶעהִיטְן.

פַארְגֶעס נִישְׁט, קִינְדֶער דַארְף מֶען אַסַאךְ זָאגְן בִּיז זֵיי פָאלְגְן, מֶען טָאר נִישְׁט זַיין פוֹיל, מֶען קֶען נִישְׁט עֶרְוַוארְטְן זֵיי זָאלְן פָאלְגְן מִיט אֵיין מָאל הֵייסְן, מֶען דַארְף זָאגְן נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל, יֶעדֶע מָאל מִיט אַן אַנְדֶערֶע וֶועג.

אוֹיךְ דַארְף מֶען אַסַאךְ אוֹיסְלוֹיבְּן אַ קִינְד; קִינְדֶער הָאבְּן נָאכְנִישְׁט קַיין שְׁטַארְקֶע דַּעַת, זֵיי דַארְפְן אַסַאךְ כָּבוֹד. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רב): "כָּל מִי שֶׁשִּׂכְלוֹ קָטָן בְּיוֹתֵר, צָרִיךְ לַחֲלֹק לוֹ כָּבוֹד בְּיוֹתֵר", ווִי וֶוייניגֶער שֵׂכֶל מֶען הָאט - דַארְף מֶען מֶער כָּבוֹד, "כִּי כָּל מַה שֶּׁשִּׂכְלוֹ יוֹתֵר קָטָן, הוּא יוֹתֵר חָפֵץ בְּכָבוֹד", ווייל דִי וָואס הָאבְן וֶוייניג שֵׂכֶל - דַארְפְן מֶער כָּבוֹד; דָאס אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן פַאר קִינְדֶער וָואס זֵיי דַארְפְן אַסַאךְ כָּבוֹד, דַארְף מֶען זֵיי אַלְץ לוֹיבְּן און אוֹיסְרוּמֶען, און אוֹיךְ זָאגְן ווִי אַזוֹי צוּ זַיין הֵיילִיג.

הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא צוּ זָאגְן אָפְן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער: "דָא טָאר מֶען נִישְׁט אָנְרִירְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט"; זָאג נִישְׁט מֶער און נִישְׁט וֵוינִיגֶער, די וֶוערְטֶער זָאלְסְטוּ זָאגְן נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל: "מֶען טָאר נִישְׁט אָנְרִירְן דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט".

וואוּיל זֶענֶען די עֶלְטֶערְן וָואס לֶערְנֶען אוֹיס די קִינְדֶער צוּ זַיין עֶרְלִיךְ, וֶועלְן זֵיי זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען נַחַת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**מַזָל טוֹב פַאר דַיין בַּר מִצְוָה און מַזָל טוֹב פַאר דַיין סִיוּם הַשַ״ס**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - אִיָיר, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**דוֹרָן דְרָשָׁה לְהַבָּחוּר הַבַּר מִצְוָה כְּמַר ... נ״י**

מַזָל טוֹב פַאר דַיין בַּר מִצְוָה און מַזָל טוֹב פַאר דַיין סִיוּם הַשַ״ס !

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט אוֹיסְוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק און בְּרֶענְגֶען נַחַת פַאר דַיינֶע חָשׁוּבְ׳עֶ עֶלְטֶערְן, פַאר דַיין טַאטֶע הר״ר ... נ״י און דַיין מַאמֶע תְּחְיֶ׳, בִּיז מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ בִּיאַת מָשִׁיחַ, אָמֵן.

דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

**דוּרְךְ מְקַבֵּל דִי בִּזְיוֹנוֹת בְּאַהֲבָה קוּמְט מֶען אָפּ אַלֶע עֲבֵירוֹת**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בַּמִדְבָּר, כ״ט אִיָיר, מ״ד לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דָא הָאסְטוּ אַ מַעֲשֶׂה פַאר דִי קִינְדֶער עֲצָתוֹ אֱמוּנָה.

מַאךְ אַ בִּילְד וִוי אֵיינֶער מַאכְט גֶעשְׁפֶּעט פוּן אַן אַנְדֶערְן, אֵיין הַאנְט מִיט אַ פִינְגֶער צוּם קָאפּ, וִוי מֶען וַוייזְט יֶענֶעם אַ סִימָן פוּן מְשׁוּגָע, און אֵיין הַאנְט אוֹיף דִי נָאז, דִי דִיקֶע פִינְגֶער אוֹיף דִי נָאז וִוי מֶען שְׁפֶּעט פוּן יֶענֶעם, בַּיים פֶענְסְטֶער פוּן אִינֶעוֵוייניג שְׁטֵייט אַ אִיד מִיט אַ פַארְשֶׁעמְטֶע וֵויינֶעדִיגֶע פָּנִים און מֶענְטְשְׁן קוּקְן אִין גַאס וָואס גֵייט פָּאר.

דָא הָאסְטוּ דִי מַעֲשֶׂה:

וֶוער שְׁרֵייט דָארְט...? וָואס גֵייט דָארְט פָּאר...? לָאמִיר גֵיין נֶענְטֶער וֶועלְן מִיר בֶּעסֶער קֶענֶען זֶען.

דָא וואוֹינְט דֶער צַדִיק רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע, מֶען רוּפְט אִים רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע פְּרִימִישְׁלַאנֶער, עֶס אִיז הַיינְט בַּיי אִים אִין שְׁטוּבּ אַ גְרוֹיסֶע יוֹם טוֹב, זַיין רֶבִּי דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים, יֶעצְט הַאלְט מֶען אִינְמִיטְן דִי סְעוּדָה.

אִינְדְרוֹיסְן שְׁטֵייט דֶער שְׁנַיידֶער פוּן שְׁטָאט אוּן שְׁרֵייט מִיאוּסְ׳עֶ וֶוערְטֶער אוֹיף דֶעם צַדִיק, עֶר הַאקְט אוֹיפְ׳ן טִיר, עֶר ווִיל אַרַיינְגֵיין, עֶר קְלַאפְּט אִין דִי פֶענְסְטֶערְס.

דֶער שְׁנַיידֶער אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁלֶעכְטֶער מֶענְטְשׁ, עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג חוֹזֵק גֶעמַאכְט פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן; עֶר הָאט נִישְׁט לִיבּ גֶעהַאט צַדִיקִים, עֶר פְלֶעגְט אַלְץ קוּמֶען בַּיים צַדִיקְ׳ס הוֹיז אוּן לַאכְן אוּן שְׁרַייעֶן מִיאוּסְ׳עֶ וֶוערְטֶער, יֶעצְט וֶוען רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע הָאט גֶעהֶערְט דִי גוּטֶע נַייעֶס, אַז זַיין רֶבִּי דֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק קוּמְט צוּ אִים אִין שְׁטוּבּ - הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם שְׁנַיידֶער עֶר זָאל אִים אַ טוֹבָה טוּן אוּן אִים נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען אִין דִי צַייט וָואס זַיין רֶבִּי אִיז בַּיי אִים, עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ דוּ וֶועסְט מִיר נִישְׁט צוּלִיבּ טוּן - וֶועל אִיךְ מוּזְן פַארְשְׁפַּארְן דִי טִיר, דִיר נִישְׁט אַרַיינְלָאזְן".

דֶער שְׁנַיידֶער הָאט זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג גֶעמַאכְט פוּן אִים, עֶר הָאט זִיךְ אַרוּמְגֶעדְרֵייט אִינְדְרוֹיסְן אוּן גֶעזוּכְט ווִי עֶר קֶען לַאכְן אוּן שְׁפֶּעטְן פוּנֶעם צַדִיק, בִּיז עֶר הָאט גֶעפוּנֶען אֵיין קְלֵיין פֶענְסְטֶער וָואס אִיז גֶעבְּלִיבְן אָפְן, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְן שְׁרַייעֶן מִיאוּסְ׳עֶ וֶוערְטֶער, עֶר הָאט פַארְשֶׁעמְט דֶעם צַדִיק, דֶער צַדִיק הָאט דָאס נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן.

בִּיז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט בַּאמֶערְקְט אַז עֶפֶּעס גֵייט דָא פָּאר, פְרֶעגְט עֶר רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע: "וָואס גֵייט דָא פָּאר? וָואס זֶענֶען דִי גֶעשְׁרֵייעֶן?" הָאט אִים רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע גֶעזָאגְט: "אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ הָאבּ דָא אֵיינֶער וָואס הֶערְט מִיר נִישְׁט אוֹיף צוּ פַארְשֶׁעמֶען, גֶעוֶועגְלִיךְ בִּין אִיךְ

דָאס מְקַבֵּל בְּאַהֲבָה, אָבֶער הַיינְט הָאבּ אִיךְ אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל מִיר נִישְׁט פַּארְשֶׁעמֶען וֶוען מַיין רֶבִּי אִיז דָא״.

רוּפְט זִיךְ אָן דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב: ״הַלְוַואי וָואלְט אִיךְ גֶעהַאט אַזַא אֵיינֶעם, וָואס זָאל מִיךְ פַּארְשֶׁעמֶען יֶעדְן טָאג״; מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אֵיינֶעם וָואס לַיידְט בִּזְיוֹנוֹת, אוֹיבּ מֶען אִיז מְקַבֵּל דִי בִּזְיוֹנוֹת בְּאַהֲבָה - קוּמְט מֶען אָפּ מִיט דֶעם אַלֶע עֲבֵירוֹת, מֶען וֶוערְט זֵייעֶר נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, אוֹיבּ אֵיינֶער וֶועט דִיר פַּארְשֶׁעמֶען - זָאלְסְטוּ אִים נִישְׁט צוּרִיק טוּן, נָאר זִיךְ פְרֵייעֶן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דִיר מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### דְרוּקְן דֶעם פֵּירוּשׁ אוֹיפְ׳ן זוֹהַר אִין אַ בַּאזוּנְדֶערֶע קוּנְטְרֵס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא, ט׳ סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאךְ אַזוֹיפִיל תְּפִילּוֹת הָאבּ אִיךְ דִי יָאר לַ״ג בָּעֹמֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייבְּן אַ פֵּירוּשׁ אוֹיפְ׳ן סֵפֶר הַזוֹהַר. דֶער פֵּירוּשׁ אִיז גֶעבּוֹיט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער וָואס אִיךְ הָאבּ מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

אִיךְ הָאבּ נֶעכְטְן גֶעטְרָאפְן בַּיי אַ חֲתוּנָה הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי ..., עֶר הָאט מִיר גֶעזָאגְט עֶס אִיז בֶּעסֶער זָאלְסְט דְרוּקְן בַּאזוּנְדֶער דִי זוֹהַר, אוּן נִישְׁט אַרַיינְשְׁטֶעלְן אִין דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע קוּנְטְרֵסִים.

מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף וֶועל אִיךְ דִיר שִׁיקְן יֶעדֶע וָואךְ אַ שְׁטִיקְל פוּן דִי פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ; אִיךְ ווִיל דוּ זָאלְסְט עֶס מַגִּיהַּ זַיין עֶס זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין טָעוּתִים, אוּן דָאס אוֹיסְשְׁטֶעלְן אִין אַ בַּאזוּנְדֶערֶע גִּלָּיוֹן.

וִיהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ אָבִי שֶׁבַּשָּׁמַיִם אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען עֶנְדִיגְן דֶעם

פֵּירוּשׁ אוֹיפְ'ן גַאנְצְן זוֹהַר, אִיךְ זָאל קֶענֶען מְתַקֵּן זַיין מִיט דֶעם מַיין נְשָׁמָה.

...

### גֶעבְּן גֶענוּג צַייט פָּארְאוֹיס צוּ קֶענֶען אָנְגְרֵייטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת נָשֹׂא, ט' סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, תּוֹשְׁבֵי בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ

אִיךְ וויל זֵייעֶר בֶּעטְן אַלֶע טֵייעֶרֶע מִשְׁפָּחוֹת זָאלְן זִיךְ רֶעכֶענֶען מִיט דִי חָשׁוּבֶ'עֶ וַואלֶענְטִירְן וָואס אַרְבֶּעטְן בַּיי דִי מִקְוֶה טָהֳרָה אוּמְזִיסְט צוּ הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דִי שְׁטֶעטְל, מֶען זָאל מַאכְן אַן אַפּוֹינְטְמֶענְט פוּן פָּארְאוֹיס.

מִיר הַאלְטְן דָאס נִישְׁט הֵייס אַ גַאנְצֶע וָואךְ, אַזוֹי אוֹיךְ דִי אַנְדֶערֶע זַאכְן, דִי רֵיינְקֵייט וְכַדוֹמֶה לָזֶה; מִיר גְרֵייטְן עֶס אָן נָאר וֶוען מֶען דַארְף דָאס הָאבְּן, אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר דִי וַואלֶענְטִירְן דָאס צוּ טוּן וֶוען מֶען וֵוייסְט נִישְׁט פוּן פָּארְאוֹיס.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר מֶען זָאל רוּפְן לְכָל הַפָּחוֹת אַ טָאג פָּארְאוֹיס, אוּן אוֹיבּ מֶען אִיז אַלֵיינְס מְסוּפָּק, מֶען הָאט אַ שְׁאֵלָה - זָאל מֶען אוֹיךְ זָאגְן פוּן פָּארְאוֹיס, קֶען זַיין מִיר וֶועלְן דָאס דַארְפְן נוּצְן.

בְּנוֹגֵעַ וֶועם צוּ רוּפְן וְכוּ'; אִיךְ וֶועל אַנְדֶערְשׁ מַאכְן, עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר דְרֵיי מִשְׁפָּחוֹת אַלֶע זָאלְן זַיין פַארְנוּמֶען מִיט דֶעם וְכוּ'; פוּן הַיינְט וֶועט נָאר ... זַיין דָארְט.

...

### גֵיין אָנְגֶעטוּן אַזוֹי ווִי עֶס פַּאסְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת נָשֹׂא, ט' סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ' בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה; עֶס אִיז גוּט

איר זָאלְט יֶעדְן טָאג אַרַיינְקוּקְן אִין דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים פוּן מוֹהֲרַא״שׁ, אֲשֶׁר בַּנַחַל; לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַ בְּרִיוו - וֶועט אִיר בַּאקוּמֶען אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אַזוֹי וֶועט אִיר הָאבְּן כֹּחַ צוּ טוּן דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט, אִיר וֶועט נִישְׁט זַיין אַזוֹי נָאכְגֶעלָאזְט מִיט דִי אַרְבֶּעט.

דָאס וָואס אִיר פְרֶעגְט אוֹיבּ עֶס אִיז אַ פְּרָאבְּלֶעם צוּ גֵיין וָואס מֶער מִיט אַ סְנוּד, אִיר ווִילְט זִיךְ נִישְׁט אָנְטוּן וְכוּ׳; אַ פְּרָאבְּלֶעם אִיז דָאס נִישְׁט, אָבֶּער וֶוען אִיר וָואלְט גֶעפְרֶעגְט וָואס אִיז רִיכְטִיג צוּ טוּן, אִיז דֶער עֶנְטְפֶער, עֶס אִיז רִיכְטִיג צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן.

עֶס אִיז דָא אַ וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען גֵייט אִין שְׁטוּבּ אוּן אַ וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען גֵייט צְווִישְׁן לַייט. אַז מֶען גֵייט אַרוֹיס אִיז רִיכְטִיג זִיךְ אָנְצוּטוּן סַיי פַאר אַייעֶר מַאן אוּן סַיי פַאר אַייךְ אַלֵיינְס; אַ מַאן ווִיל זֶען זַיין וַוייבּ אָנְגֶעטוּן שֵׁיין אוּן אַהֶערְגֶעשְׁטֶעלְט, אוּן פַאר זִיךְ אַלֵיינְס אִיז אוֹיךְ גוּט צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן אַזוֹי ווִי עֶס פַּאסְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

הַלְוַואי זָאלְן מִיר הָאבְּן נָאךְ אַזֶעלְכֶע אִינְגֶעלַייט ווִי דִיר

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא, ט׳ סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן
לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו מִיט דִי כּוֹלֵל גֶעלְט.

זַיי מִיר מוֹחֵל, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט דִיר גֶעמֵיינְט. אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם מְנַהֵל עֶר זָאל שְׁרַייבְּן אוֹיף אַלֶע טְשֶׁעקְס, וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט גֶעהִיטְן דִי צַייט זָאל צוּרִיק שִׁיקְן גֶעלְט, ווִיפִיל עֶר פַארְשְׁטֵייט; אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט דִי אִינְגֶעלַייט וָואס הִיטְן נִישְׁט דִי צַייט, נִישְׁט דִיר הָאבּ אִיךְ גֶעמֵיינְט, דוּ בִּיסְט אַ טַייעֶרֶער אִינְגֶערְמַאן; הַלְוַואי זָאלְן מִיר הָאבְּן נָאךְ אַזֶעלְכֶע אִינְגֶעלַייט ווִי דִיר.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, גֵיי אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן אִין פֶעלְד. דוּ וואוֹינְסְט דָאךְ אִין גַן עֵדֶן, דִי שְׁטֶעטְל אִיז אַזוֹי רֵיין, אַזוֹי הֵיילִיג.

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת אִין שְׁטֶעטְל, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַזוֹי מְחַיֶּ׳ גֶעוֶוען, אִיךְ הָאבּ גֶעלֵייגְט אַ טִישׁ הוּנְטֶערְן שׁוּל, צְווִישְׁן דִי בֵּיימֶער, אִיךְ הָאבּ דָארְט גֶעלֶערְנְט שָׁבוּעוֹת אִינְדֶערְפְרִי אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען. עֶס הָאט זִיךְ גֶעשְׁפִּירְט אַזוֹי גוּט; וָואס מֶער דַארְף מֶען פוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין צְווִישְׁן דִי פֶּעלְדֶער, מֶען שְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מַמָּשׁ דִי בְּרָכָה פוּן דִי תּוֹרָה (וַיִּקְרָא כו, יב): "וְהִתְהַלַּכְתִּי בְּתוֹכְכֶם", ווִי רַשִׁ"י זָאגְט: "אֲטַיֵּל עִמָּכֶם בְּגַן עֵדֶן".

...

**אִיר וֶועט הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ, קִינְדֶער אוּן קִינְדְ׳ס קִינְדֶער**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא, ט׳ סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיר הָאט קוֹים חֲתוּנָה גֶעהַאט, אִיר זֶענְט נָאךְ שָׁנָה רִאשׁוֹנָה, פַארְוָואס זָאלְט אִיר טְרַאכְטְן אַזֶעלְכֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת אַז אִיר גֵייט נִישְׁט הָאבְּן קִינְדֶער, אוּן אַז אִיר גֵייט נִישְׁט קֶענֶען זַיין אַ גֶעזוּנְטֶע מַאמֶע, אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט נִישְׁט אוֹיס אַייעֶרע תְּפִילוֹת וְכוּ׳ וְכוּ׳? - נַארִישֶׁע מַחֲשָׁבוֹת וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְגְט אַריין אִין אַייךְ.

פַארְוָואס צֶעבְּרֶעכְט אִיר זִיךְ יֶעדֶע מָאל וְכוּ׳? עֶנְדֶערְשׁ זָאל אִיר טְרַאכְטְן: ׳אִיךְ גֵיי נָאךְ אַבִּיסְל הָאבְּן קִינְדֶער׳, ׳אִיךְ גֵיי זַיין דִי בֶּעסְטֶע מַאמֶע פַאר מַיינֶע קִינְדֶער׳, ׳דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיךְ לִיבּ׳.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָּא דְּבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, פֶּרֶק יח) פַארְוָואס הָאבְּן אוּנְזֶערֶע מַאמֶעס, שָׂרָה אִמֵּנוּ, רִבְקָה אִמֵּנוּ אוּן רָחֵל אִמֵּנוּ נִישְׁט גֶעהַאט גְלַייךְ בַּיים אָנְהוֹיבּ קִינְדֶער? "מִפְּנֵי שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אוֹהֵב אוֹתָם אַהֲבָה גְּמוּרָה וְשָׂמֵחַ בָּהֶן, לְפִיכָךְ מְצָרְפָן כְּדֵי שֶׁיִּרְבּוּ בְּרַחֲמִים לְפָנָיו", נָאר וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי לִיבּ, אוּן וַוארְט אוֹיף זֵייעֶרע תְּפִילוֹת.

מַאכְט פְרֵיילִיךְ אַייעֶר מַאן, זַייט גְרֵייט פַאר אִים אוּן שֶׁעצְט אִים; זָארְגְט נִישְׁט, אִיר וֶועט הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ, קִינְדֶער אוּן קִינְדְ׳ס קִינְדֶער.

...

**מִשְׁנַיוֹת וֶועט דִיר אוֹיסְלֵייזְן פוּן דַיין גָלוּת**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא, ט׳ סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעדֶע חוֹדֶשׁ בְּרֶענְגֶען מִיר דִי גַבָּאִים וָואס נֶעמֶען צֵאם פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ צְדָקָה פַאר דִי רֶענְט פוּן דִי יְשִׁיבָה אַ לִיסְטֶע פוּן אַלֶע נֶעמֶען וֶוער עֶס גֶעבְּט אוּן וִויפִיל מֶען גֶעבְּט; אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ זֶען דַיין נָאמֶען, אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין לַאנְג נִישְׁט גֶעזֶען, פְרֵיי זִיךְ זִיךְ כָאטְשׁ צוּ זֶען דַיין נָאמֶען אַז דוּ הָאסְט נָאךְ דִי גֶעפִיל צוּ הֶעלְפְן דִי יְשִׁיבָה וואוּ דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט.

אִיךְ הָאף אַז דוּ לֶערְנְסְט נָאךְ מִשְׁנַיוֹת; אַמָאל פְלֶעגְסְטוּ מִיר שְׁרַייבְּן יֶעדֶע מָאל דוּ הָאסְט מְסַיֵים גֶעוֶוען מִשְׁנַיוֹת, דָאס הָאט מִיר זֵייעֶר מְחַיֶ׳ גֶעוֶוען. מִשְׁנַיוֹת וֶועט דִיר אוֹיסְלֵייזְן פוּן דַיין גָלוּת. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה ז, ג): ״אֵין כָּל הַגָּלֻיּוֹת הַלָּלוּ מִתְכַּנְסוֹת אֶלָּא בִּזְכוּת מִשְׁנַיוֹת״.

...

**אַ שְׁוֶוערֶע נִסָיוֹן זִיךְ צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן, אָבֶער עֶס לוֹינְט זִיךְ**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא, ט׳ סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אַז דוּ ווִילְסְט שֶׁפַע, עֶס זָאל זִיךְ גִיסְן שֶׁפַע, דוּ זָאלְסְט הָאבְּן בְּרֶיוַח, נִישְׁט בְּצִמְצוּם - זָאלְסְטוּ הִיטְן דַיינֶע אוֹיגְן, אַז מֶען הִיט זִיךְ דִי אוֹיגְן - קוּמְט שֶׁפַע.

מוֹהֲרַא״שׁ זָאגְט אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (תְּהִלִּים קמה, טו): ״עֵינֵי כֹל אֵלֶיךָ יְשַׂבֵּרוּ, וְאַתָּה נוֹתֵן לָהֶם אֶת אָכְלָם בְּעִתּוֹ״, ׳יְשַׂבֵּרוּ׳ - קֶען מֶען לֵיינֶען מִיט אַ שִׁין ׳יְשַׁבֵּרוּ׳, אַ לָשׁוֹן פוּן שְׁבִירָה, דֶעמָאלְט ״וְאַתָּה נוֹתֵן לָהֶם אֶת אָכְלָם בְּעִתּוֹ״ - קוּמְט שְׁפַּייז אִין צַייט.

עֶס אִיז אַ שְׁוֶוערֶע נִסָיוֹן זִיךְ צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן, אָבֶער עֶס לוֹינְט זִיךְ, מֶען הָאט אַלֶעס אִין לֶעבְּן; מֶען הָאט אֱמוּנָה, שִׂמְחָה, צוּפְרִידְנְקֵייט, שָׁלוֹם בַּיִת, גֶעדוּלְד צוּ דִי קִינְדֶער, מְנוּחָה אוּן יִשּׁוּב הַדַּעַת.

שְׁרַייבּ מִיר דַיינֶע סִיוּמִים.

...

### נָאךְ אַבִּיסְל זֶענֶען מִיר דִי זֵיידֶעס אוּן בַּאבֶּעס פוּן וֶועמֶען מֶען וֶועט לַיידְן אוּן שְׁוַוייגְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא, ט׳ סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תְּחְיֶ׳ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה צוּ הֶערְן דִי אַלֶע שֵׁיינֶע זַאכְן וָואס אִיר דֶערְצֵיילְט, וָואס טוּט זִיךְ אִין שְׁטֶעטְל, אִין חֶדֶר אוּן אִין סְקוּל, וִוי שְׁטַארְק אִיר זֶענְט צוּפְרִידְן מִיט אַייעֶרֶע קִינְדֶערְ׳ס חִינוּךְ.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ׳; אִיר דַארְפְט זַיין מִיט אִים אָפְן, זָאגְט אִים אַז עֶס טוּט וֵויי וְכוּ׳; אוּן אוֹיבּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נָאכְאַלְץ נִישְׁט, אָדֶער עֶר פַארְגֶעסְט וְכוּ׳ – זָאלְט אִיר אִים נָאכְאַמָאל זָאגְן, שֵׁיינֶערְהֵייט: ״אִיךְ בֶּעט דִיר מַיין טֵייעֶרֶער מַאן, עֶס טוּט מִיר וֵויי, דוּ מַאכְסְט מִיר צַעַר״; אִיךְ בִּין זִיכֶער עֶר וֶועט טוּן נָאר זַאכְן וָואס טוּט נִישְׁט וֵויי, אוּן אַז עֶר פַארְגֶעסְט וַוייטֶער, אָדֶער עֶר פַארְלִירְט זִיךְ וְכוּ׳ וְכוּ׳, זָאגְט נָאכְאַמָאל שֵׁיינֶערְהֵייט.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ׳; דָאס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם, עֶס וֶוענְדְט זִיךְ פוּן וואוּ מֶען קוּמְט, פוּן וואוּ מֶען שְׁטַאמְט; אִיר קֶענְט זִיךְ וַוייטֶער פִירְן מִיט אַייעֶר וֶועג.

בְּנוֹגֵעַ זִיךְ שֶׁערְן; וואוּיל אִיז אַייךְ אַז אִיר זֶענְט מַקְרִיב אַ קָרְבָּן אַייעֶר הָאר פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיר שֶׁערְט זִיךְ דִי הָאר אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען דִי שְׁכִינָה פוּן גָלוּת, לְאוֹקְמָא שְׁכִינְתָּא מֵעַפְרָא, אִין גַן עֵדֶן אִיז דָא אַ בַּאזוּנְדֶערֶע הֵיכָל פַאר אַלֶע נָשִׁים צִדְקָנִיּוֹת וָואס הָאבְּן מַקְרִיב גֶעוֶוען אַ קָרְבָּן זֵייעֶר הָאר פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בְּנוֹגֵעַ אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן; דָאס אִיז זֵייעֶר אַ סֶענְסֶעטִיוֶוע פְּרַאגֶע. וֶוען עֶלְטֶערְן קוּמֶען אִין שְׁטוּבּ דַארְף מֶען זֵיי גֶעבְּן דִי הַרְגָשָׁה אַז זֵיי זֶענֶען דִי

עֶלְטֶערְן, אוּן אַז עֶס אִיז שְׁוֶוער - שְׁלִינְגְט מֶען אַרָאפּ דִי שְׁוֶועריִקַייטְן, מֶען פְּרוּבִּירְט מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ קוּקְן גוּט, זֶען אוּן הֶערְן נָאר דָאס גוּטְס. גֶעדֶענְקְט; נָאךְ אַבִּיסְל זֶענֶען מִיר דִי זֵיידֶעס אוּן בַּאבֶּעס וָואס דִי קִינְדֶער וֶועלְן דַארְפְן לַיידְן אוּן שְׁוַוייגְן.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, לֵייגְט אַרַיין אַייעֶרֶע כֹּחוֹת נָאר פַאר אֵיין זַאךְ: "זַיין פְרֵיילִיךְ"; וֶוער עֶס אִיז פְרֵיילִיךְ - הָאט אַלֶעס.

...

חִיזוּק אוּן עֵצוֹת פַאר אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נָשֹׂא, ט' סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרַט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ הֶערְן אַז אַייעֶר לֶעבְּן הָאט אוֹיפְגֶעלֶעבְּט, דִי שָׁלוֹם בַּיִת אִיז גֶעוָוארְן הֶערְלִיךְ, אַייעֶר מַאן הָאט אוֹיפְגֶעלֶעבְּט, עֶר הָאט צֶעבְּרָאכְן זַיין כֵּלִי; עֶס אִיז אַזוֹי גוּט וֶוען מֶען הָאט אַ צַדִּיק, דָאס לֶעבְּן אִיז אַזוֹי זִיס מִיטְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

בְּנוֹגֵעַ אַייעֶר פְרַאגֶע וְכוּ'; אִיר קֶענְט גֵיין אִין שְׁטוּבּ פַאר אַייעֶר מַאן אַזוֹי ווִי אִיר ווִילְט גֵיין וְכוּ'. יֶעצְט וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען קְלֵיין אִיז זִיכֶער נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם, שְׁפֶּעטֶער וֶוען דִי קִינְדֶער וֶוערְן גְרֶעסֶער אִיז בֶּעסֶער זֵיי נִישְׁט צוּ צֶעמִישְׁן; דֶעמָאלְט, נָאר פְּרִיוַואט וְכוּ', גֵייט מֶען וְכוּ'.

בְּנוֹגֵעַ עֶסְן גֶעזוּנְט; אִיר הָאט מִן הַסְתָּם נִישְׁט גוּט פַארְשְׁטַאנֶען, מִיר מַאכְן נִישְׁט אַוֶועק דָאס עֶסְן גֶעזוּנְט, אַוַדַּאי דַארְף מֶען עֶסְן גֶעזוּנְט, מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף גֶעזוּנְט; מֶען דַארְף אָבֶּער קֶענֶען בַּאלַאנְסִירְן דִי זַאךְ, נִישְׁט מַאכְן אַן אֱמוּנָה פוּן דֶעם, מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ ווִיסְן ווִיפִיל אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן.

בְּנוֹגֵעַ אַז אִיר קוּמְט נִישְׁט אָן מִיט דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט, דִי פִּיצְלֶעךְ קִינְדֶער הַאלְטְן אַייךְ פַארְנוּמֶען אַ גַאנְצְן טָאג, אַמָאל פְלֶעגְט אִיר הַאלְטְן דִי שְׁטוּבּ

זֵייעֶר מְסוּדָר, אָבֶּער הַיינְט וֵוייסְט אִיר נִישְׁט וָואס צוּ טוּן וְכוּ׳; וִויסְן זָאלְט אִיר, אַזוֹי אִיז בַּיי אַלֶע אִידִישֶׁע הַייזֶער, אָנְהוֹיבּ וֶוען מֶען הָאט נָאר קְלֵיינֶע פִּיצְלֶעךְ קוּמְט מֶען נִישְׁט אָן מִיט דִי אַרְבֶּעט, מִיט דִי צַייט, וֶוען דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוּנְטֶער - וֶוערְט גְרִינְגֶער, מֶען נֶעמְט אַרַיין דִי קִינְדֶער אִין דִי אַרְבֶּעט.

בִּיז דֶערְוַוייל זָאלְט אִיר טוּן אַבִּיסְל דָא, אַבִּיסְל דָארְט; טוּט נָאךְ אַ קְלֵיינִיקַייט, נָאךְ אַ קְלֵיינִיקַייט. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי שַׁבָּת, כ:) וֶוען עֶס קוּמְט שַׁבָּת טָאר מֶען נִישְׁט רֵיינִיגְן דֶער עֶרְד, מֶען טָאר נִישְׁט גִיסְן וַואסֶער, אָבֶּער "אִשָּׁה פִּיקַחַת", אַ קְלוּגֶע פְרוֹי, "מְדִיחָה כּוֹס כַּאן", שְׁוֶוענְקְט אָפּ אַ גְלֶעזְל דָא, "קְעָרָה כַּאן", אַ טֶעלֶער דָארְט, "תַּמְחוּי כַּאן", אַ טָאפּ דָא, "וְנִמְצֵאת מְכַבֶּדֶת אֶת בֵּיתָהּ בְּשַׁבָּת" - בִּיז דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ וֶוערְט רֵיין; דָאס אִיז דִי חָכְמָה פוּן אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי, מֶען מַאכְט אַבִּיסְל דָא, אַבִּיסְל דָארְט - בִּיז דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ וֶוערְט מְסוּדָר.

בְּנוֹגֵעַ הִתְבּוֹדְדוּת, אַייעֶר קָאפּ פְלִיט אַוֶועק, אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט מְצַמְצֵם זַיין וְכוּ׳; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ערה) דָאס אַלֵיינְס, דָאס וָואס מֶען זִיצְט גְרֵייט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז שׁוֹין אוֹיךְ זֵייעֶר חָשׁוּב, אֲפִילוּ מֶען קֶען נִישְׁט עֶפֶּענֶען דָאס מוֹיל.

אַ גוּטֶע עֵצָה וָואלְט גֶעוֶוען אִיר זָאלְט זִיךְ מַאכְן אַ תְּפִלָּה צֶעטְל, שְׁרַייבְּט רָאשֵׁי פְּרָקִים פוּן זַאכְן וָואס אִיר ווִילְט בֶּעטְן, זַאכְן זִיךְ דוּרְךְ צוּ שְׁמוּעֶסְן, אוּן גֵייט מִיטְ׳ן צֶעטְל זַאךְ נָאךְ זַאךְ, אוּן זַייט מַרְחִיב בְּדִבּוּר, בְּרֵייטֶערְט אוֹיס יֶעדֶע בַּקָּשָׁה.

בְּנוֹגֵעַ אַייעֶר פְרַאגֶע אוֹיבּ טֶעקְסְט מֶעסִידְזְשׁ אִיז אַ פְּרָאבְּלֶעם פַאר אַ פְרוֹי; דֶער עֶנְטְפֶער אִיז, עֶס וֶוענְדְט זִיךְ אוֹיף וָואס מֶען נוּצְט טֶעקְסְט, אוֹיבּ מֶען נוּצְט עֶס פַאר ווִיכְטִיגֶע זַאכְן, זִיךְ שְׁרַייבְּן מִיטְ׳ן מַאן אָדֶער עֶלְטֶערְן - אִיז דָאס נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם, אָבֶּער אוֹיבּ מֶען זִיצְט אוֹיף גְרוּפְּס - אִיז דָאס זֵייעֶר שֶׁעדְלִיךְ, עֶס לָאזְט נִישְׁט לֶעבְּן, עֶס לָאזְט נִישְׁט טוּן דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט, עֶס רוֹיבְּט אַוֶועק דִי מַאמֶע פוּן אִירֶע קִינְדֶער.

...

### מִיט תְּפִלָּה וֶועט איר וַוייטֶער אָנְקוּמֶען זֵייעֶר שֵׁיין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא, י׳ סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן
מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

איר זֶענְט אָנְגֶעקוּמֶען בִּיז אַהֶער אַזוֹי שֵׁיין מִיט תְּפִלָּה אוּן מִיט זִיךְ נִישְׁט פַּארְלִירְן - וֶועט איר וַוייטֶער אָנְקוּמֶען מִיט תְּפִלָּה, אִיר וֶועט זֶען נַחַת בַּיי אַלֶע קִינְדֶער.

גֶעדֶענְקְט פַאר נִישְׁט לַאנְג צוּרִיק וִוי אִיר הָאט גֶעהַאלְטְן; אִיר זֶענְט גֶעוֶועןְ דֶערְשְׁרָאקְן צוּם טוֹיט וָואס וֶועט זַיין מִיט אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר וְכוּ׳ וְכוּ׳, אִיר הָאט שִׁיעֶר נִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן אוּן בִּזְכוּת אַייעֶר סַבְלָנוּת, אַייעֶר שְׁטַארְקֵייט אוּן אַייעֶרֶע תְּפִילוֹת - הָאט אִיר אַ נֵס, אַייעֶר מַאן אִיז אַ נֵייעֶר מֶענְטְשׁ, אַזוֹי וִוי אִיר שְׁרַייבְּט אִינֶעם בְּרִיוו: "שְׁכּ׳חַ פַאר מַיין נֵייעֶם מַאן"; אַזוֹי בֶּעט אִיךְ אַייךְ אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט פַּארְלִירְן, אִיר זָאלְט נָאר דַאוְוענֶען אוּן נָאר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועט אִיר זֶען נַחַת בַּיי אַלֶע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַארְ׳ן צוּשְׁטֶעלְן אֵשֶׁ״ל פַאר דִי גֶעסְט אִין שְׁטֶעטְל אוֹיף שָׁבוּעוֹת.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא, י׳ סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן
מָרַת ... תִּחְיֶ׳ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

עֶס קוּמְט אַייךְ אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַארְ׳ן צוּשְׁטֶעלְן אֵשֶׁ״ל פַאר אַלֶע גֶעסְט וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען מִיט הַאלְטְן דֶעם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת אִין שְׁטֶעטְל.

עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע קִיבּוּץ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, עֶס אִיז זֵייעֶר שֵׁיין צוּ זֶען וִוי דִי מִשְׁפָּחוֹת אִין שְׁטֶעטְל עֶפֶענֶען דִי הֶערְצֶער אוֹיפְצוּנֶעמֶען דִי אַלֶע גֶעסְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ הֶעלְפְן, בִּזְכוּת הַכְנָסַת אוֹרְחִים זָאלְט אִיר

זוֹכֶה זַיין צוּ נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער. דֶער רֶבִּי זָאגְט דָאךְ (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת הַכְנָסַת אוֹרְחִים, סִימָן ג): "הַכְנָסַת אוֹרְחִים מְזַכָּה אֶת הָאִשָּׁה לְבָנִים", דִי מִצְוָה פוּן אַרַיינְנֶעמֶען גֶעסְט אִיז אַ סְגוּלָה פַאר אַ פְּרוּי צוּ קִינְדֶער.

...

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַייךְ לִיבּ, עֶר אִיז נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף אַייךְ**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת נָשֹׂא, י' סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן ... תְּחְיֶ'**

קְלַאפְּט אַרוֹיס פוּן אַייעֶר קָאפּ דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת פוּן גֵיהִנּוֹם; אִיר זֶענְט אַ טֵייעֶר קִינְד, אַ גוּט קִינְד, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַייךְ לִיבּ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף אַייךְ; אֲפִילוּ וֶוען מֶען פַאלְט אַרָאפּ, מֶען טוּט זַאכְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל נִישְׁט - הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאכְאַלְץ לִיבּ, עֶר וַוארְט אוּן הָאפְּט דֶער אִיד זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוּן אִים אִיבֶּערְבֶּעטְן, מֶען זָאל תְּשׁוּבָה טוּן.

דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (רַעְיָא מְהֵימְנָא פַּרְשַׁת בֹּא, דַף מ:) וֶוען אַ אִיד דֶערְצֵיילְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, עֶר זָאגְט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, זַיי מִיר מוֹחֵל, אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן דִי זַאךְ, אִיךְ בִּין בַּאגַאנְגֶען אַ זִינְד, זַיי מִיר מוֹחֵל, טַאטֶע זַיי מִיר מוֹחֵל, אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין גוּט, אִיךְ בֶּעט דִיר הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר"; נָאכְדֶעם וֶוען דֶער מְקַטְרֵג קוּמְט מְקַטְרֵג זַיין אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ, מֶען זוּכְט צוּ בְּרֶענְגֶען אַ שְׁטְרָאף, זָאגְט מֶען פַאר דִי מְקַטְרְגִים: "מֶען אִיז זִיךְ שׁוֹין אוֹיסְגֶעקוּמֶען, דֶער מֶענְטְשׁ הָאט שׁוֹין דֶערְצֵיילְט אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, עֶר הָאט תְּשׁוּבָה גֶעטוּן"; אוּן זֵיי גֵייעֶן אַוֶועק מִיט פַארְשֶׁעמְטֶע פֶּנִימְ'עֶר.

אִיר הָאט זֵייעֶר טֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, זֵיי ווִילְן נָאר אַייעֶר גוּטְס, זֵיי ווִילְן אַייךְ נִישְׁט וֵויי טוּן; זֵיי קֶענֶען נִישְׁט שְׁלָאפְן בַּיינַאכְט פוּן צַעַר, זֵיי ווִילְן אִיר זָאלְט זַיין צוּפְרִידְן.

לָאזְט אָפּ דִי פְּרֶענְדְס וָואס רֶעדְן צוּ אַייךְ קֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זוּכְט

פְרֶענְדְס וָואס הָאבְּן אֱמוּנָה, גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועט אַייךְ גוּט זַיין.

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן אַייךְ.

...

## אוֹיב מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גֶעפִּיל אִין שְׁטוּב, אִיז דָאס דִי אֵייגֶענֶע פְּרָאבְּלֶעם

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נָשֹׂא (בא״י בְּהַעֲלוֹתְךָ), י״א סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ תּוֹשְׁבֵי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, ה׳ עֲלֵיהֶם יִחְיוּ

בַּיי מִיר אִיז יֶעצְט פְרַייטָאג אִינְדֶערְפְרִי, אָבֶּער בַּיי עֶנְק אִיז שׁוֹין כִּמְעַט שַׁבָּת, וֶועל אִיךְ זִיךְ צוּיָאגְן אוּן עֶנְק שְׁרַייבְּן אַפָּאר וֶוערְטֶער, וָואס מִיר הָאבְּן נֶעכְטְן גֶערֶעדְט בַּיים לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר.

בַּיי אוּנְז אִין אַמֶערִיקֶע גֵייט דִי וָואךְ פַּרְשַׁת נָשֹׂא, מִיר זֶענֶען נָאכְאַלְץ אָפְּגֶערוּקְט פוּן אַייךְ אַ פַּרְשָׁה. דִי וָואךְ הָאבְּן מִיר אִין דִי פַּרְשָׁה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בֶּענְטְשְׁט אוּנְז (בַּמִּדְבָּר ו, כד): ״יְבָרֶכְךָ ה׳ וְיִשְׁמְרֶךָ״, זָאגְט רַשִׁ״י, ׳יְבָרֶכְךָ׳ - אִיךְ בֶּענְטְשׁ דִיר מִיט דַיין פַארְמֶעגְן, ׳וְיִשְׁמְרֶךָ׳ - אִיךְ הִיט דִיר פוּן מַזִּיקִין זֵיי זָאלְן נִישְׁט אַוֶועקְנֶעמֶען דַיין גֶעלְט; מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט, דָא אִיז מְרוּמָז וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן סח): ״יֵשׁ מִדָּה אַחַת שֶׁמַּפְסֶדֶת וּמְאַבֶּדֶת מֵהֶם הַמָּמוֹן, וְהִיא מִדָּה רָעָה מְגֻנָּה״, עֶס אִיז דָא אַ שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה וָואס אִיז גוֹרֵם מֶען זָאל נִישְׁט בַּאקוּמֶען קַיין גֶעלְט, וַוייל לְעוֹלָם וָואלְט דָאךְ יֶעדֶער אִיד גֶעדַארְפְט הָאבְּן גֶעלְט, פַארְוָואס הָאט מֶען נִישְׁט קַיין גֶעלְט? וַוייל גֶעלְט קוּמְט פוּן דִי זֶעלְבֶּע פְּלַאץ פוּן וואוּ כַּעַס קוּמְט, אוּן וֶוען עֶס אִיז בַּאשֶׁערְט פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ גֶעלְט, קוּמְט דֶער יֵצֶר הָרָע אוּן שְׁטֶעלְט אוּנְטֶער אַ נִסָּיוֹן פוּן כַּעַס אוּן עֶס וֶוערְט פוּן גֶעלְט - כַּעַס, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

דָאס זָאגְט דִי תּוֹרָה ״יְבָרֶכְךָ ה׳״ - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיךְ בֶּענְטְשְׁן

מִיט גֶעלְט, אוּן גְלַייךְ גֶעבְּט דִי תּוֹרָה נָאךְ אַ בְּרָכָה "וְיִשְׁמְרֶךָ" - אוּן עֶר זָאל דִיךְ הִיטְן פוּן כַּעַס כְּדֵי דוּ זָאלְסְט נִישְׁט פַארְלִירְן דָאס גֶעלְט.

וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ דֶעם - זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן? נָאר דוּרְךְ אֱמוּנָה! וִוי מֶער מֶען חַזֶר'ט אֱמוּנָה, מֶען וֵוייסְט אוּן מֶען גֶעדֶענְקְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, נִישְׁטָא גָארְנִישְׁט אוֹיסֶער אִים, אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט אִיז עֶר אַלֵיינְס, אַלֶעס שְׁטֶעלְט מֶען מִיר אַ נִסָּיוֹן צוּ זֶען אוֹיבּ אִיךְ וֶועל זִיךְ פַארְלִירְן, נִישְׁטָא גָארְנִישְׁט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; עֶס אִיז נִישְׁט מַיין וַוייבּ, עֶס אִיז נִישְׁט מַיינֶע קִינְדֶער, עֶס אִיז נִישְׁט דִי שְׁכֵנִים אוּן חֲבֵרִים, עֶס אִיז אַלֶעס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; וִוי מֶער מֶען חַזֶר'ט דָאס, מֶען לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה - דָאס נֶעמְט אַוֶועק כַּעַס.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קה:): "כָּל הַכּוֹעֵס כְּאִילוּ עוֹבֵד עֲבוֹדָה זָרָה", וֶוער עֶס אִיז בְּכַעַס אִיז אַזוֹי וִוי עֶר דִינְט עֲבוֹדָה זָרָה; פַארְוָואס אִיז דָאס אַזוֹי וִוי עֲבוֹדָה זָרָה? וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט זַיין בְּכַעַס נָאר וֶוען מֶען פַארְגֶעסְט פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען מַאכְט אַ מְצִיאוּת פוּן אַנְדֶערֶע זַאכְן, דָאס אִיז מַמָּשׁ עֲבוֹדָה זָרָה.

דִי עֵצָה צוּ אֱמוּנָה אִיז לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, זִיךְ מַאכְן שִׁיעוּרִים אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוּן פָאלְגְן דִי עֵצוֹת. כַאפְּט אָן אַ מָשָׁל, דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; אַזַא לִיכְטִיגֶע עֵצָה, אַזַא זִיסֶע עֵצָה, אַזַא גְרִינְגֶע עֵצָה - מֶען זָאל זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן, אִים בֶּעטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, וָואס וֶועט דָא זַיין, וָואס וֶועט זַיין מִיט מִיר, וָואס וֶועט זַיין פוּן מִיר, אִיךְ בִּין אַזוֹי וַוייט פוּן דִיר, הֶעלְף מִיר, גֶעבּ מִיר אֱמוּנָה, גֶעבּ מִיר דַּעַת, אִיךְ זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דִיר; הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, וָואס רֶעג אִיךְ זִיךְ? וָואס גִיפְט אִיךְ זִיךְ? וָואס אִיז מִיט מִיר?!

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר, שַׁיין אַרַיין אִין מִיר אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז אַלֶעס בִּיסְטוּ, דוּ בִּיסְט מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדֶךָ יִתְבָּרַךְ כְּלָל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אֲלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּעְרָאל, אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִין יֶעדֶע

**אֵיינְצִיגְסְטֶע תְּנוּעָה גֶעפוּנְט זִיךְ דֶער אַלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם".**

דָאס אִיז אַבִּיסְל וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט נֶעכְטְן נַאכְט. אוֹיךְ הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט פוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אִין שְׁטוּב, מֶען זָאל רֶעדְן שֵׁיין אִין שְׁטוּב, וֵוייךְ אוּן הַארְצִיג; מִיט אַ וַוייבּ קְרִיגְט מֶען זִיךְ נִישְׁט, מִיט אַ וַוייבּ טַעְנָה'ט מֶען נִישְׁט. אוֹיבּ מֶען שְׁפִּירְט ווִי מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גֶעפִּיל אִין שְׁטוּבּ - אִיז דָאס דִי אֵייגֶענֶע פְּרָאבְּלֶעם, דָאס אִיז נִישְׁט אִיר פְּרָאבְּלֶעם. אַזוֹי ווִי דֶער גִיבּוֹר הָאט גֶעזָאגְט פַּאר דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דִי מְדִינָה פוּן עֲשִׁירִים, וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט עֶפֶּעס שְׁטִינְקְט, הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט (מַעֲשֶׂה יב, דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם בַּעַל תְּפִלָּה): "אִיר זֶעט דָאךְ אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאן אַ זַאךְ וָואס זָאל שְׁטִינְקֶען, מוּז בְּוַדַּאי זַיין אַז אִיר אַלֵיינְס שְׁטִינְקְט, וָוארְן דָא אִיז נִישְׁט דָא קַיין שׁוּם זַאךְ וָואס זָאל שְׁטִינְקֶען"; אַזוֹי אוֹיךְ, וֶוען מֶען וֶוערְט פַארְעֶקְלְט אִין שְׁטוּבּ, מֶען הָאט נִישְׁט מֶער קַיין גֶעפִּיל; וָואס אִיז גֶעשֶׁען פְּלוּצְלוּנְג?!

אִיךְ הָאבּ אִינְגֶעלַייט וָואס זָאגְן מִיר: "אִיךְ הָאבּ אַזַא שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אִיךְ בִּין אַזוֹי צוּפְרִידְן פוּן מַיין וַוייבּ, פוּן מַיינֶע קִינְדֶער", אַ טָאג שְׁפֶּעטֶער טְרֶעף אִיךְ אִים מִיט אַ לַאנְגֶע נָאז, בְּרוֹגֶז, אָנְגֶעבְּלָאזְן; פְּרֶעג אִיךְ אִים: "וָואס גֵייט פָּאר?" זָאגְט עֶר מִיר: "אִיךְ וֶועל צֶעדְרֵיידְט פוּן מַיין וַוייבּ, אִיךְ זִיךְ אַ וֶועג פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן אִיר, אַלֶעס הָאט אַ שִׁיעוּר!" פְּרֶעג אִיךְ אַייךְ: "ווִי קֶען דָאס זַיין, נֶעכְטְן הָאט בַּיי אִים גֶעשַׁיינְט אַלֶע שַׁ"י עוֹלָמוֹת, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי פְּרֵיילִיךְ, אַזוֹי צוּפְרִידְן, ווִי קֶען זַיין אַ טָאג שְׁפֶּעטֶער זָאל זַיין דָאס פַארְקֶערְטֶע? מוּז זַיין אַז עֶר אַלֵיינְס שְׁטוּנְקְט"; דַארְף מֶען תְּשׁוּבָה טוּן, גֵיין שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר, אִיךְ וִויל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת, אִיךְ וִויל הִיטְן מַיין מֹחַ מַחֲשָׁבָה, אִיךְ וִויל זַיין עֶרְלִיךְ" - דֶעמָאלְט שַׁיינֶען צוּרִיק אַלֶע לִיכְטִיגְקֵייטְן.

עֶס וֶוערְט שׁוֹין שַׁבָּת בַּיי אַייךְ, אִיךְ דַארְף נָאךְ אָנְזָאגְן צוּ שִׁיקְן דִי בְּרִיוו אוֹיף אִימֶעיל מֶען זָאל דָאס נָאךְ קֶענֶען אַרוֹיסְפְּרִינְטְן אוּן בְּרֶענְגֶען אִין שׁוּל.

דִי וָואךְ שַׁבָּת יֶער אִיךְ זִיךְ, מַיין גֶעבּוּרְטְס טָאג אִיז י"ב סִיוָן, עֶס אִיז אִין דִי טֶעג פוּן דִי יְמֵי תַּשְׁלוּמִין. דָאס לֶערְנֶען מִיר אִין יְשִׁיבָה, מֶען זָאל וִויסְן אַז מֶען קֶען נָאךְ מַשְׁלִים זַיין, מֶען קֶען נָאךְ פַארְרֶעכְטְן.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ, וֶוען אִיר זֶענְט בַּיי מְקוֹמוֹת הַקְּדוֹשִׁים בֶּעטְס פַאר מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן כֹּחַ וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין מִיטְ'ן מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי'ן, מְשַׁמֵּשׁ זַיין מוֹהֲרָא"שׁ.

דִי וָואךְ וֶועט בַּיי עֶנְק זַיין אַ חֲתוּנָה פוּן אַ תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה, זֵייעֶר אַ חָשׁוּבְ'עֶר חָתָן. עֶר וֶוערְט אַן אֵיידֶעם בַּיי ר' שִׁמְעוֹן שַׁפִּירָא. דֶער מְחוּתָּן הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו וואו עֶר בֶּעט זִיךְ אִיךְ זָאל אִים מַאכְן אַ שִׁידוּךְ פַאר זַיין טָאכְטֶער אַ בָּחוּר פוּן יְשִׁיבָה, עֶר פַארְשְׁטֵייט וָואס דָא טוּט זִיךְ, עֶר הָאט אַ גֶעפִיל אִין יְשִׁיבָה.

אַ גוּט שַׁבָּת.

...

### יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְ'ן פַארְדִינְגֶען אַייעֶר פְּלַאץ פַארְ'ן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בָּארָא פַּארְק

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נָשֹׂא, י"א סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

לְכָבוֹד מו"ה ... הי"ו

מִיר זֶענֶען אַייךְ זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר אַז מִיר קֶענֶען דִינְגֶען בַּיי אַייךְ דֶעם פְּלַאץ פוּן אוּנְזֶער בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בָּארָא פַּארְק; מִיר גֶעפִינֶען זִיךְ זֵייעֶר גוּט דָארְט, עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גוּטֶע פְּלַאץ.

מִיר זֶענֶען זֵייעֶר מַקְפִּיד מֶען זָאל נִישְׁט רֶעדְן בַּיים דַאוֶוענֶען; מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט אִין אַלֶע שׁוּלְ'ן הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ מֶען זָאל זַיין זֵייעֶר גֶעוָוארְנְט נִישְׁט צוּ רֶעדְן בַּיים דַאוֶוענֶען.

אוֹיךְ גֶעבְּן מִיר אַכְטוּנְג אוֹיף רֵיינְקֵייט; דָאס אִיז גֶעוֶוען אִין בְּרֶסְלֶב זֵייעֶר אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ.

אַ גְרוּס פוּן אַייעֶר אֵיינִיקְל ... נֵרוֹ יָאִיר, עֶר אִיז זֵייעֶר אַ טֵייעֶרֶער אִינְגֶערְמַאן, עֶר אִיז קוֹבֵעַ עִתִּים לַתּוֹרָה, עֶר הָאט גוּטֶע מִידוֹת אוּן הֶעלְפְּט מֶענְטְשְׁן מִיט הַארְץ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן גֶעזוּנְט אוּן נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ.

**אַ גוּט שַׁבָּת.**

...

## שְׁטַר הַלְוָאָה

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נָשֹׂא, י"א סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק**

**אִיךְ שְׁרַייבּ אוּנְטֶער אַז אִיךְ הָאבּ גֶעבָּארְגְט פוּן הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר סַךְ פוּן פֶערְצִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער צוּ קֶענֶען קוֹיפְן דִי קָאנְטְרִי מַחֲנֶה אִילָן הַחַיִּים בְּרֶסְלֶב אִין לִיבֶּערְטִי - בִּיז דְרֵיי יָאר, י"א סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ה.**

**וְעַל זֶה בָּאתִי עַל הֶחָתוּם**

...

## מְקַרֵב זַיין אִידְן מוּז אוֹיךְ זַיין נָאר עַל פִּי תּוֹרָה

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נָשֹׂא, יָ"א סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק**

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶרֶע הוֹדָעוֹת.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פוּן וֶועם אִיר רֶעדְט, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס פַאר אַ בְּרִיווּ אִיר מֵיינְט; אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז מֶען יֶעדְן אֵיינֶעם מְקַרֵב, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע מִצְוָה וִוי מְקַרֵב זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער ווִיסְן זָאלְט אִיר, אוּנְזֶער קֵירוּב אַרְבֶּעט נָאר מִיט דִי תּוֹרָה, וֶוער עֶס וִויל גֵיין אִין דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה - אַזַא אֵיינֶעם דַארְף מֶען מְקַרֵב זַיין.

דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה זָאגְט, אוֹיבּ אַ פְּרוֹי וָואס אִיז חֲתוּנָה גֶעהַאט גֵייט מִיט אַ פְרֶעמְדְן מַאן טוּן אַן עֲבֵירָה, דַארְף מֶען הַרְגֶ'ענֶען דִי פְּרוֹי מִיט יֶענֶעם מַאן, אַזוֹי אוֹיךְ אַ כַּלָּה וָואס גְרֵייט זִיךְ צוּ גֵיין צוּ אִיר חֲתוּנָה, זִי גֵייט נֶעמֶען קִידוּשִׁין פוּן אִיר חָתָן, אוֹיבּ זִי הָאט שַׁיְיכוּת מִיט אַ פְרֶעמְדְן מַאן וְכוּ', זִי פָּאפְּט אוֹיס אִיר חָתָן - וִוי אִיז שַׁיָּיךְ צוּ מְקַרֵב זַיין? וִוי מְקַרֵב זַיין, וָואס מְקַרֵב זַיין?!

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פוּן וָואס אִיר רֶעדְט, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וֶוער עֶס זוּכְט צְווִישְׁן דִי בְּרִיווּ פַאר וֶועם אִיז דִי בְּרִיווּ, פַארְוֶועם אִיז יֶענֶע בְּרִיווּ; מִמָּה נַפְשָׁךְ, אִיז דִי כַּלָּה פוּן וֶועם אִיר רֶעדְט - אֶמֶת'דִיג מִיט אִיר חָתָן, זִי הָאט נִישְׁט

שַׁייְכוּת מִיט אַ פְרֶעמְדְן מַאן - אִיז דָאךְ גוּט, אִיז קֵיינֶער אִיר נִישְׁט מְרַחֵק; אִיז זִי נִישְׁט אֱמֶת'דִיג צוּ אִיר חָתָן, זִי גֵייט אוֹיסְנַארְן אַן אוּמְשׁוּלְדִיגֶער בָּחוּר, זִי הָאט נָאנְטֶע בַּאצִיאוּנְגֶען מִיט אַ פְרֶעמְדְן - אַזַא אֵיינֶעם זָאלְט אִיר אָפְּלָאזְן. מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, אַ פְרוֹי וָואס גֵייט אוּנְטֶערְן רוּקְן פוּן אִיר מַאן מִיט אַ פְרֶעמְדְן - אִיז אַ סִימָן פוּן אַ שְׁלֶעכְטֶע מִיט דִי עֶרְגְסְטֶע מִדּוֹת.

אִיר וֵוייסְט, בַּיי מוֹהֲרָא"ש אִיז גֶעוֶוען נָאר רַחְמָנוּת אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, עֶס זֶענֶען גֶעקוּמֶען מֵיידְלֶעךְ מִיט עֲבֵירוֹת אִיבֶּער דִי אוֹיעֶרְן, מוֹהֲרָא"ש הָאט זֵיי אַלֶע מְקַרֵב גֶעוֶוען אוּן שֵׁיין חֲתוּנָה גֶעמַאכְט, הַיינְט הָאבְּן זֵיי שֵׁיינֶע דוֹרוֹת, אֵיינִיקְלֶעךְ אוּן אוּר אֵיינִיקְלֶעךְ, אָבֶּער אַ חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע פְרוֹי זָאל הָאבְּן שַׁייְכוּת מִיט אַ פְרֶעמְדְן מַאן - אַזַא זַאךְ אִיז גֶעוֶוען פֵייעֶר.

אוֹיבּ אַזַא אֵיינֶע, וֶוען זִי קוּמְט אוּן זִי הָאט חֲרָטָה, זִי הַאקְט אָפּ אַלֶע פַארְבִּינְדוּנְגֶען - נֶעמְט מֶען אוֹיךְ צוּרִיק, אָבֶּער אֵיינֶע וָואס לָאזְט נִישְׁט אָפּ אִיז אַ שְׁלֶעכְטֶע, אַ קְרַאנְקֶע.

...

### נִישְׁט מַאכְן פְּרִי שַׁבָּת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נָשֹׂא, י"א סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

**לְכָבוֹד דֶער מֵפִיץ ... פוּן מָאנְטְרִיאַל**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין פְּרַאגֶע.

מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעהַאלְטְן מֶען זָאל נִישְׁט מַאכְן פְּרִי שַׁבָּת; מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן מְקַבֵּל שַׁבָּת זַיין פְּרִי, צִינְדְן לִיכְט פְּרִי, דָאס יָא; מֶען רֶעדְט פוּן דַאוֶוענֶען פְּרִי.

מִיר דַאוֶוענֶען זוּמֶער פְרִיעֶר, אָבֶּער נִישְׁט פַאר'ן זְמַן הַדְלָקַת הַנֵּרוֹת.

אוֹיבּ דוּ הָאסְט נִישְׁט נֶעבְּן דַיין שְׁטוּבּ אַן אַנְדֶערֶע מִנְיָן, נָאר דִי מִנְיָן וָואס דַאוֶוענְט פְּרִי - קֶענְסְטוּ דַאוֶוענֶען מִיט זֵייעֶר מִנְיָן, אָבֶּער אוֹיבּ דוּ הָאסְט אַ מִנְיָן וָואס דַאוֶוענְט בַּיים זְמַן, אָדֶער שְׁפֶּעטֶער - זָאלְסְטוּ דַאוֶוענֶען בַּיים זְמַן, אָדֶער נָאכְן זְמַן.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

**הַנְהָגוֹת פַאר אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע וָואס וַוארְט אוֹיף אַ שִׂמְחָה**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נָשׂא, י״א סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן דִי גוּטֶע נֵייעֶס אַז אִיר וַוארְט וְכוּ׳.

אִיר ווילְט הֶערְן אִין קוּרְצְן וָואס צוּ טוּן אִין דִי טֶעג.

הַדָּבָר הָרִאשׁוֹן, גְלַייךְ מוֹדִיעַ זַיין דִי עֶלְטֶערְן; עֶלְטֶערְן זֶענֶען בַּאזָארְגְט, זֵיי ווילְן הֶערְן גוּטֶע נֵייעֶס בַּיי זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, גֵייט אַרִיבֶּער פֶּערְזֶענְלִיךְ דֶערְצֵיילְן דִי גוּטֶע נֵייעֶס.

צְוֵוייטְנְס, דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים, אוּן אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט בֶּעטְן אַז אַלֶעס זָאל זַיין גְרִינְג, אוּן אַלֶעס זָאל זַיין מִיט נַחַת אוּן פְרֵייד.

דְרִיטְנְס, זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן עַיִן הָרָע; מֶען דֶערְצֵיילְט נִישְׁט פוּן דֶעם, מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן דֶעם, מֶען בַּאהַאלְט עֶס פוּן מֶענְטְשְׁן. אוֹיךְ אִין דִי שְׁפֶּעטֶערְדִיגֶע טֶעג, וֶוען מֶען קֶען שׁוֹין נִישְׁט בַּאהַאלְטְן - גֵייט מֶען אָנְגֶעטוּן אֵיידֶל, נִישְׁט אוֹיסְשְׁטֶעכְן מֶענְטְשְׁן׳ס אוֹיגְן.

פֶערְטְנְס, אִין דִי צַייט דַארְף מֶען רוּעֶן, זִיךְ נִישְׁט אִיבֶּערְשְׁטְרֶענְגֶען, זִיכֶער נִישְׁט מַאכְן קַיין אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְטֶע אִיבּוּנְגֶען (עֶקְסֶערְסַייז), עֶס קֶען זַיין אַ סַכָּנָה.

פִינְפְטְנְס, אִין דִי צַייט זָאל מֶען נִישְׁט קוּקְן קַיין טָמֵא׳נֶע חַיוֹת אוּן בְּהֵמוֹת; מֶען גֵייט נִישְׁט אִין קַיין טִיעֶר-גָארְטְן (זוּ), מֶען קוּקְט נָאר אוֹיף הֵיילִיגֶע זַאכְן, זוּמֶער דַארְף מֶען זִיךְ מֶער אָבַּאכְט גֶעבְּן, וַוייל וָואס דִי מַאמֶע קוּקְט אוּן טְרַאכְט - קְרִיצְט זִיךְ אַיין אִינֶעם קִינְד, דָאס הֶעלְפְט אִים זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

זֶעקְסְטְנְס, מֶען עֶסְט נִישְׁט קַיין רוֹיעֶ קְנָאבְּל אוּן רוֹיעֶ צְווִיבְּל, עֶס אִיז נִישְׁט גוּט נִישְׁט פַאר דִי מַאמֶע אוּן נִישְׁט פַאר דִי קִינְד (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת הֵרָיוֹן, סִימָן

ד). צְווִיבְל עֶסְן מִיר נִישְׁט אִין אַלֶע צַייטְן, רוֹיעֶ צְווִיבְל - זָאגְט דֶער רֶבִּי - אִיז סַם (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסה). אוֹיךְ רֶעטֶעךְ אִיז נִישְׁט גוּט צוּ עֶסְן אִין דִי טֶעג (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת קִשּׁוּי לֵילֵד, סִימָן א).

זִיבֶּעטְנְס, עֶס אִיז דָא אַ סְגוּלָה אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת הֵרָיוֹן, סִימָן ב), אַ פְּרוּי זָאל הָאבְּן מִיט זִיךְ אַ מַאגְנֶעט אוּן אַ שְׁטִיקְל הָאלְץ פוּן דִי דַאךְ פוּן אַ קֶבֶר פוּן אַ צַדִּיק, אוֹיךְ אַ זִילְבֶּערְנֶע ה (אִיךְ גֶעב אַ מַתָּנָה אַ זִילְבֶּערְנֶע ה פַאר אַלֶע תַּלְמִידוֹת פוּן בֵּית פֵיגָא וָואס שֶׁערְן זִיךְ אָפּ דִי הָאר, אִיךְ מֵיין אִיךְ הָאבּ אַייךְ דָאס שׁוֹין גֶעגֶעבְּן).

וְעַל כּוּלָם - תְּפִלָּה, אוּן נָאכְאַמָאל תְּפִלָּה אוּן אַ דְרִיטֶע מָאל תְּפִלָּה.

מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט, מֶען זָאל זָאגְן דִי נֶעמֶען פוּן צַדִּיקִים, צוּם בֵּיישְׁפִּיל: אַבְרָהָם, יִצְחָק, יַעֲקֹב, משֶׁה, אַהֲרֹן, יוֹסֵף, דָוִד אוּן שְׁלֹמֹה, רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי, רֶבִּי יִצְחָק לוּרְיָא אַשְׁכְּנַזִי, רֶבִּי יִשְׂרָאֵל בַּעַל שֵׁם טוֹב, רֶבִּי נַחְמָן בֶּן פֵיגָא מִבְּרֶסְלֶב, רֶבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב וְכוּ' וְכוּ', אוּן נָאכְדֶעם בֶּעטְן בִּזְכוּת דִי צַדִּיקִים זָאל אַלֶעס זַיין בְּשָׁלוֹם; דָא הָאט אִיר דִי תְּפִלָּה:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גֶעבּוֹירְן גְרִינְג אַ גֶעזוּנְט קִינְד בְּרַמַ"ח אֵיבָרִים וּשְׁסָ"ה גִּידִים אוּן אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין אַרִיבֶּער צוּ גֵיין דִי אַלֶע טֶעג וָואס אִיךְ וַוארְט - גְרִינְגֶערְהֵייט. נֶעם אַוֶועק פוּן מִיר אַלֶע מִינֵי עַיִן הָרַע'ס אַז קֵיינֶער זָאל מִיר נִישְׁט קֶענֶען שֶׁעדִיגְן. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער וָואס וֶועלְן טוּן דַיין ווִילְן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן, אִיךְ זָאל אֵייבִּיג טוּן נָאר גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּ וֶועסְט הָאבְּן פוּן דֶעם אַ נַחַת רוּחַ. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, נֶעם אָן מַיין תְּפִלָּה אוּן הֶעלְף מִיר אִין זְכוּת פוּן אַלֶע צַדִּיקִים, וּבִפְרַט אִין דִי זְכוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ [אוּן אִין זְכוּת פוּן רַבֵּינוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה בֶּן מְנַחֵם זְאֵב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס הָאט גֶעמַאכְט דִי תְּפִלָּה], יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ ה' צוּרִי וְגוֹאֲלִי, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן".

...

## שְׁטַארְק דִיךְ וַוייטֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נָשֹׂא, י״א סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעצְט זָאגְט מִיר דַיין שְׁוָואגֶער אַז עֶר גֵייט צוּ דִיר אוֹיף שַׁבָּת, הָאבּ אִיךְ שְׁנֶעל גֶענוּמֶען דֶעם פֶּענֶע דִיר צוּ שְׁרַייבְּן אַפָּאר וֶוערְטֶער.

שְׁטַארְק זִיךְ, זַיי וַוייטֶער שְׁטַארְק מִיט דִי שֵׁיינֶע לִימוּדִים וָואס דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט אִין יְשִׁיבָה. נֶעם אַ חוּמָשׁ יֶעדְן טָאג, לֶערְן אַבִּיסְל חוּמָשׁ, אוֹיךְ מִשְׁנָיוֹת - אַבִּיסְל יֶעדְן טָאג, וְעַל כּוּלָם, זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ נָאךְ דִיר, אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין לַאנְג נִישְׁט גֶעזֶען, אָבֶּער דוּ בִּיסְט מִיר נָאךְ אַיינְגֶעקְרִיצְט אִין הַארְץ.

אַ גוּט שַׁבָּת.

...

## נֶעם אַ טֵייל אִינֶעם יֶערְלִיכְן קָאמְפֵּיין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י״ג סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ גֵייט פָּארְקוּמֶען דֶעם יֶערְלִיכְן קָאמְפֵּיין; אִיךְ ווִיל דִיר זֵייעֶר בֶּעטְן זָאלְסְט נֶעמֶען אַ טֵייל, זָאלְסְט אוֹיךְ צַאמְנֶעמֶען צְדָקָה פַּאר אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת.

זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶ׳ מִיט דִי חִזּוּק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, מֶענְטְשְׁן ווִילְן הֶעלְפְן דִי פְּלַאץ, מֶען דַארְף נָאר פָּשׁוּט בֶּעטְן, אַרוּם גֵיין צַאמְנֶעמֶען.

גֶעבּ זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״אִיךְ ווִיל גָארְנִישְׁט, אִיךְ ווִיל טוּן נָאר דַיין ווִילְן״ - וֶועט זִיךְ אַלֶעס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן לְטוֹבָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...